STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08801

OYF DI VEGN FUN LEBN

Avraham Nisnevitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויף די וועגן פון לעבן

אברהם ניסנעוויטש

ארויסגעגעבן פון:

- קולטור-קאָמיטעט פאַראייניקטער אידישער פאָלקס-אָרדן.
- איקוף לייען-קרייז, טאָראָנטאָ.
- „וואָכנבלאַט".
- ברענטש 2, פאַראייניקטער אידישער פאָלקס-אָרדן.

COPYRIGHT BY

ABRAHAM NISNEVITZ

TORONTO, 1953

געזעצט פון א. שעק.   זייטלעך געיסדריט פון הערשל אַבראַמאָוויטש.

געדרוקט אין עווערעדי פרינטערס.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO 28



אברהם ניסנעוויטש

אינהאַלט:

י. גערשמאַן: — שטענדיק מיט פּען און פּאַן אין האַנט .... 1 -7

ז. וויינפּער: — א. ניסנעוויטש .... 8 -11

שלום שטערן: — א. ניסנעוויטש, דער דיכטער און קולטור־בויער .... 13 -14

א. ניסנעוויטש: — 1942 — און איצט (אַ דאַנק און אנערקענונג) .... 15 -17

ערשטע אָפּטיילונג

ציטערדיקע סטרונעס .... 18 -39

צווייטע אָפּטיילונג

מיט מיין פאָלק .... 40 -63

דריטע אָפּטיילונג

מיט ווערטער פּראָסטע .... 64 -84

פערטע אָפּטיילונג

דער צער פון דער וועלט 85-100

פינפטע אָפּטיילונג

אין עקשנות'דיקן גאַנג 101-119

צו מיין פרוי

איך מערק, אַ שאָטן
באַהויכט דיין אויג,
ווי ס'שאָטנט אָוונט
דעם זון — פאַרנייג.

דיין בליק פאַרטראַכט
אין ערגעץ ווייט —
אַנטפלעקט דעם סוד,
אַז הארץ דיינס ליידט.

עס רעדט דיין בליק,
ווי שווער ס'איז דיר . . .
ניט לייד אַליין,
נאָר קום צו מיר.

ניט לייד אַליין,
באַהאַלט זיך ניט.
פאַרטרוי צו מיר
דיין שווער געמיט.

באַהאַלט זיך ניט,
און לאָז מיר זיין
אַ טרייסט צו דיר
אין שעה פון פיין.

באַקאַנט איז דיר
צו מיר דער וועג,
דו קענסט אים נאָך
פון יוגנט-טעג.

אָט יענע טעג
צוריק געפין;
אין הארץ באַ מיר
זיי פרישן גרין.

זיי פרישן נאָך
מיט טרוים-געזאַנג;
מיט ערשטע טריט
פון אונזער גאַנג.

די פרייד איז דאָרט
נאָך ניט פאַרבליט . . .
טאָ קום, דערפריש —
דיין טריב געמיט.

י. גערשמאַן

שטענדיק מיט פען און פאַן אין האַנט

(אַ מתנה צום דיכטער און קעמפער אברהם ניסנעוויטש)

צו שרייבן וועגן אברהם ניסנעוויטש איז אי שווער, אי גרינג. שווער דערפאַר, ווייל מען וואָלט אפשר געדאַרפט מעסטן ניסנעוויטש'ן דעם דיכטער און ניסנעוויטש'ן דעם אויסגעפּרובירטן, עקשנות'דיק־רעוואָלוציאָנערן געזעלשאַפטלעכן טוער און אידישן קולטור־בויער. ס'איז נישט גרינג צו באַשטימען וועלכער ניסנעוויטש איז דאָ וויכטיקער. עס איז אָבער אויך גרינג צו שרייבן וועגן אים דערפאַר, ווייל בײדע ניסנעוויטשעס זיינען אין תוך איינער. מען קאָן צו אים צוגיין מיט **איין** מאָס. דער דיכטער דערגאַנצט דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, און פאַרקערט.

ווען דאָס לעבן אַרום אונז און וועלט־געשעענישן ברויזן אים אויף, ווערט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט — טראָץ זיין עלטער און געזונט — פאַרצווייגטער, זיין אויער אָנגעשפּיצטער, זיין האַרץ אָנגעפילט מיט ציטער. רעגט עס דעם פּאָעט אין אים, פאַרצירעוועט ער אַ ליד לויט דעם גייסטיקן קלימאַט אַרום אים. ווען ער איז אַ לעבעדיקער עדות פון אַזאַ גרויסער מאָס פאַרווירקלעכונג פון זיינע יוגנט־טרוימען (אויף נאָענט צו אַ האַלב פון דעם וועלט־שטח איז זיין סאָציאַליסטישער טרוים שוין אַ ווירקלעכקייט!) — זינגט פון אים אַרויס אַ שיר פון עכטער יובל'דיקייט.

דאָס איז דער שכר פאַר זיינע יאָרן טעטיקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג וועמעס בראשית ציט זיך צו זיינע גאָר פריע יוגנט־יאָרן אין זיין היים־שטעטל פוכאָוויטש און ווען ער איז געווען אַ ישיבה־בחור אין מינסק. שוין דאַן איז צוזאַמען מיט פאַרשפרייטן פאַרבאָטענע ליטעראַטור, צוזאַמען מיט וואַרעמען אַ קילן רעוואָלוועד אין קעשענע בכדי צו פאַרטיידיקן אַן אונטערערדישע מאַסן־פאַרזאַמלונג אין אַרכיערייסקען וואַלד, צוזאַמען מיט אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען, געגאַנגען דאָס שרייבן לידער. שוין דאַן איז ער געווען באַקאַנט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן אַלס „אברהם דער פּאָעט".

און אַזוי אַלע יאָרן האָבן מיר פאַר זיך **איין** אברהם ניסנעוויטש: דער פּאָעט און געזעלשאַפטלעכער טוער, אָדער געזעלשאַפטלעכער טוער און פּאָעט.

עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז גראַדע אויף די עלטערע יאָרן האָט זיך דאָס ליד פון אברהם ניסנעוויטש'ן קוואַליטאַטיוו אַ רוק געטאָן פאָראויס. זיינע לידער פון די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען פרישער און מונטערער, פאַרמאָגן אין זיך דעם ריטם פון יונגקייט. דאָס איז דערפאַר ווייל ער באַנייט זיך טאָג־טעגלעך אַ דאַנק די גרויסע זיגן פונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, וועלכן ער דינט אַזוי אויפריכטיק און ערנסט אַלע זיינע יאָרן.

אברהם ניסנעוויטש איז דער פּאָעט וועמען עס איז זייער שטאַרק נוגע אַלעס וואָס רירט אָן די אינטערעסן פון די אידישע און אַלגעמיינע מאַסן באַ אונז אין לאַנד און אין דער וועלט בכלל. דערזעט ער אַן אומרעכט, ברויזט ער אויף און רעאַגירט תיכּף אויף צוויי אופנים: דורך גזעזעלשאַפטלעכער פּראָטעסט־אַקציע און דורך ליד. ניסנעוויטש איז ניט קיין מיטלויפער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ער איז אַפילו מער ווי אַ מיט־באַטייליקער. ער איז תמיד אין די פאָדערשטע רייען מיט פען און פאָן אין האַנט. ער גיט פירערשאַפט, ער איז צווישן די פירער.

מיט זיין ליד איז ער אויסן צו דערגרייכן דאָס זעלביקע ווי דורך זיינעם אַן אַרטיקל און דורך זיינע טואונגען לטובת דער אַרבעטער־באַוועגונג: ער וויל דערציען, ער וויל אַריינברענגען קולטור אין די אַרבעטער־רייען בכדי עס זאָל זיין גרינגער דער קאַמף און זיכערער דער זיג.

דאָס האָט ער זיך געלערנט פון די גרויסע פּאָעטן פון פיל פעלקער — פון רוסישע רעוואָלוציאָנערע שרייבער, און פון אידישע דיכטער־רעוואָלוציאָנערן אין דער אַלטער היים און אין אַמעריקע — אָבער אַלץ בלויז פון אַזעלכע פּאָעטן און שריפטשטעלער וואָס האָבן אַליין פיל געלערנט פון פאָלק.

זעלטן, אַז מען טרעפט באַ אברהם ניסנעוויטש'ן אַ ליד פון וועלכן מען זאָל תיכּף ניט ציען אַ געוויסע מאָראַל, מען זאָל ניט דערפילן אַ געוויסן רוף, אַן אָנצייכענונג און אָנרעגונג פאַר עפּעס אַ טאַט. אַט־דאָס צילט ער צו דערגרייכן מיט זיין ליד. דערפאַר איז ער קיינמאָל ניט פּעסימיסטיש. דערפאַר וועט איר באַ אים קיינמאָל ניט טרעפן קיין יאוש־טענער. אַפילו ווען ער באַקלאָגט זיין שטעטעלע פּוכאָוויטש („מיין לידיטשעווע״) איז עס נישט בלויז דער געוויין נאָך די דריי טויזנט פאַרניכטעטע דורך די נאַצים אידישע משפּחות. נאָך אין יענע גרויליקע טעג האָט ער געזען ווער עס וועט ברענגען די מפּלה און נעמען נקמה פון נאַצישן שונא:

„. . . בלויז אַלטער וואַלד פון וויטן איז פּאַרטייעט.
ער טראָגט אין זיך אַ טיפן סוד באַהאַלטן.
עס רודערט זיך אַ לעבן אין זיין טיפקייט
מיט פיבערדיקן ברויזן פון געשטאַלטן.

דאָרט זאַמלען זיך די קרעפטן פון סאָוועטישן לעבן,
וואָס דאָרשטן נאָך נקמה פון נאַצי חיה־רעה;
זיי וועלן זי דערווערגן; זיי וועלן זי פאַרניכטן,
ווען קומען עס וועט די גרויסע, די געגאַרטע שעה!״

און ער זאָגט:

„מיין שטעטעלע, פון טויזנטער לידיטשעס — ביסט איינע.
דיין לעצטן אַגוסט־געשריי פון אויסגעלאָשן לעבן
וועט צינדן אונזער בלוט, וועט אונזער ווילן שמידן:

די נאַציס קיינמאָל ניט פאַרגעסן!
און קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעבן!"

ווי אַנדערש עס שרייבן איצט דיכטער „מיט נעמען", דיכטער וואָס ווילן נאָך מען זאָל זיי אַנערקענען אַלס „נאַציאָנאַלע", אַלס „דיכטער פון פאָלק" . . .

:: :: ::

מען קאָן זאָגן, אַז ניסנעוויטש וואָלט בכלל מיט קיין דיכטונג זיך ניט פאַרנומען ווען ער פאַרמאָגט נישט פון זיינע פריסטע יאָרן אָן אַזאַ גרויסן און הייליקן אידעאַל וועמען ער דינט אַזוי אויפריכטיק און ערנסט. אַזאַ מין דיכטער האָט די רעאַקציע ניט ליב. געוויסע קריטיקער ווילן זיי נישט אַנערקענען. זיי האָבן פאַר דעם קעמפער־דיכטער אַ ספּעציעלע מאָס, ווי אונזער אומפאַרגעסלעכער משה אָלגין האָט געשריבן וועגן ש. ניגער'ס באַציאונג צום פּראָלעטאַרישן שרייבער. ניגער איז פון די יעניקע, וואָס האַלט, אַז וועגן טאָג־פראַגן טאָר אַ דיכטער נישט שרייבן (אַזאַ מאָס האָט ער בלויז בנוגע רעוואָלוציאָנערע שרייבער, נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישע שרייבער איז ער דאָס מוחל . . .) אים גייט נישט אָן דער פאַקט, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער שרייבער, דער פּראָלעטאַרישער דיכטער ווידמעט זיך אַ הייליקן אידעאַל, און דינט אים אויפריכטיק און ערנסט. אָלגין ווייזט דאָן אָן („צוויי מאָסן", אין אָלגינ'ס בוך „קולטור און פאָלק"):

„ . . . אויפריכטיקייט און ערנסטקייט זיינען אַליין אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם, וואָס ס'רופט זיך קונסט. טאַלאַנט איז נישט עפּעס אַ פאַרגליווערטער אָביעקטיווער אינסטרומענט, אָפּגעטיילט פון דעם לעבעדיקן מענטשן, נאָר אַליין אַ מענטשלעכע אייגנשאַפט, באַפאַרבט, באַשטימט און געריכטעט דורך אַלע מענטשלעכע שטרע־בונגען און קאָנפליקטן . . . אויב אַ מענטש דינט זיין קלאַס אויפריכטיק און ערנסט, קען ער דערמיט אַרויסרופן בא זיין קלאַס אַ גרעסערן אָפּקלאַנג און אים שטאַרקער באַווירקן אַלס קינסטלער, ווי איינער, וואָס האָט די זעלביקע שרייב־פייאיקייטן, נאָר ער דינט נישט דעם זעלביקן קלאַס".

אברהם ניסנעוויטש דינט אויפריכטיק און ערנסט דעם אַרבעטער־קלאַס, די גרויסע אידייע פון סאָציאַליזם. דערפאַר קלינגען זיינע לידער אָפּ אין די רייען פון די פּראָ־גרעסיווע אידישע מאַסן, דערפאַר באַווירקן זיי צו גרויסע און ערלעכע טאַטן.

ניט אומזיסט הערן מיר אָפט אַזעלכע וואַרעמע אָפּרופן אין די פּראָגרעסיווע קרייזן וועגן אַ ליד פון אברהם ניסנעוויטש, וואָס דערשיינט אין „וואָכנבלאַט" אָדער אין דער „מאָרגן־פרייהייט". (אַ סך לידער זיינע ווערן אָפט איבערגעדרוקט אין די מערסטע פּראָגרעסיווע אידישע צייטונגען פון אַנדערע לענדער). צום אַלעם ערשט דערפילט מען זיין אויפריכטיקייט, זיין ערנסטקייט, זיין טיפע זאָרג פאַר די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער און פאָלקס־מענטש. דאָס עפנט תיכף דאָס האַרץ און דעם מוח פון דעם לייענער, וואָס געפינט אין פערז דאָס וואָס מאַטערט אים אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן.

און דאָס איז אָן ספק די גרעסטע לויב פאַר ניסנעוויטש'ן דעם דיכטער. דער אַרבעטער אין שאָפּ, דער איד פון מיטל־קלאַס, דער מיטגליד אין דער פּראָגרעסיווער אָרגאַניזאַציע, דער לעכצער נאָך פרידן און יושר — אַלע דערפילן אין זיינעם אַ ליד אַ „מעסעדזש" וואָס רעגט אָן, דערלייכטערט און דערמוטיקט.

דער לייענער איז מסכים מיטן דיכטער, אַז—

„מיט מונטערע לידער
קען דיכטער דערהויבן
דעם גייסט פון דעם מענטשן,
זיין מוט און זיין גלויבן".

:: :: ::

אברהם ניסנעוויטש איז ווי א מעכטיקער דעמב איינגעוואָרצלט אינעם אידישן און אלגעמיינעם פּראָגרעסיוון לעבן באַ אונז אין לאַנד. צווישן פיל רעוואָלוציאָנערן פון זיין צייט, אריבערגעקומענע פון דער אלטער היים, איז ער דער סאַמע קאַנאַדישסטער. פיל פון זיינע לידער, ווי זיין גאַנצע טעטיקייט איז געווידמעט צו באַרייכערן קולטורעל דעם אידישן ישוב אין קאַנאַדע, בכדי ער זאָל קאָנען מאכן א נאָך גרעסערן ביישטייער צו דער אלגעמיינער קאַנאַדישער קולטור אין אלע פאַזן.

ער רופט זיך אָפּ מיט ליד צו א קאָנפערענץ פון אָרדן, צו אונזערע קעמפּס, צו אונזערע קינדער־שולן, צו א פרידנס־קאָנגרעס אָדער א צוזאַמענפאָר פאַר קאַנאַדיש־סאָוועטישער פריינטשאַפט.

ער האָט געוואָרצלט אין קאַנאַדע דורך זיין שטענדיקן ביישטייער צו דער קאַנאַדער ארבעטער־באַוועגונג, זייענדיק א פּיאָנער־בויער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פון קאַנאַדער ארבעטער־קלאַס. זיין טיף־אידישע קענטעניש האָט ער געשטעלט צו־דינסט ניט נאָר דער אידישער קאַנאַדע נאָר אויך דער אלגעמיינער. דאָס ווערט מיט דאַנק־באַרקייט אנערקענט אין די רייען פון דער אלגעמיינער ארבעטער־באַוועגונג.

:: :: ::

מיר האָבן אָנגעוויזן, אז גראַדע איצט אויף דער עלטער (און מיר האָפן, אז די עלטער וועט זיך ציען און ציען נאָך גאָר לאַנגע יאָרן) זיינען זיינע לידער פרישער, מוטיקער, קלינגעוודיקער אין ריטם און רייכער אין אינהאַלט. דאָס באַפרידיקט ניט נאָר דעם דיכטער נאָר אויך זיינע לייענער.

און עס איז א שיינע מידה מצד אברהם ניסנעוויטש'ן, וואָס, אונטערציענדיק סך־הכל'ען, איז ער באַזאָרגט וועגן דעם, צי זיין היינט וועט ניט פאַרשעמען זיין אַמאָל. אָט־דער מאָטיוו גייט אדורך א ריי זיינע לידער אין דער איצטיקער זאַמלונג. ער איז זייער באַשיידן אין זיינע פאַרגלייכן, אין זיין קוקן אויף צוריק.

„איך בעט ניט צוריקקער פון יוגנט די יאָרן" זינגט ער, דאָך—

„ . . . טרוים איך אין שווערע,
אין פינצטערע צייטן, —
פון פרישקייט פון יוגנט
פאַרזוכן דעם טעם . . .
און ווינטעלעך לייכטע,
דאָס אש פון יאָרן
צעווייען — און ווידער
צעהעלט זיך א פלאַם! . . . "

איז דאָס א געזונטער שטריך. אומקוקן זיך אויף צוריק מיט א ציל איז עפּעס

פון גרוים ווינקטיקייט, כל זמן מען האָט אינזינען דעם יאָרן־אַלטן אש ווידער א פלאַם צו צעהעלן. ווייל דאָס איז אַלעמאָל דעם דיכטער'ס באַגער. אין זיין ביז גאָר לירישן ליד „און דאָך! . . .״ וואו ער דערקלערט, אַז ער וועט „אין לעבן אַלץ זיך קלאַמערן״ זינגט ער:

„סיי טאָג, סיי נאַכט
מיט טרייקייט וועל איך לויערן,
ביז נייע וועלט
צעפראַלן וועט די טויערן.

אויף ברייטן שליאַך
וועל איך מיט מחנות ציען
אַהין, אַהין,
וואו גליק און פרידן בליען . . . ״

און אָט ווי אַזוי דער דיכטער פילט אין די שווערסטע מאָמענטן:

„עס קלאַפּט מיין האַרץ אומזיכערדיקע פולסן,
און שוואַך די בלוטן אין אָדער־שטראָם זיך טראָגן;
דאָך מונטער רעגט אין אַלע מיינע גלידער
די פרישקייט פון ליכטיקע פאַרטאָגן״.

(„אַ שטילער האַנט־דרוק״)

ציענדיק סך־הכל'ען זינגט ער ווידער:

„פון יעטווידער שעה אָפּגעלעבטער
מיין גייסט ציט ירושה־פאַרמעג;
און יאָרן געלאָזט האָבן שפורן
אויף יעדן עטאַפּ פון מיין וועג.

ליגן יאָרן אין שיכטן געטוליעט
פון דעם גאַנג פון דעם שווערן פאַרשלאַפט;
מיט שאַרפקייט עס שפּילט זייער זאַפט.

איז טרינק איך דעם זאַפט פון די יאָרן,
און פרישקייט דערקוויקט יעדן גליד;
ווער זאָגט עס, אַז יאָרן דערשעפּן?
ווער זאָגט עס, אַז עלטער מאַכט מיד?

איך שפּאַן נאָך אין טראָט מיט דער יוגנט
צום אָנקום פון פרישן קאַיאָר;
צו זען, ווי מיין חלום צעבליט זיך
מיט פלאַמיקע פאַרבן פון וואָר".

און מיט דעם סאַמע קלאָרסטן סך־הכּל זיינעם, אין דעם ליד „צו דעם משפּט פון יאָרן", קאָנען מיר אַלע מסכּים זיין מיטן פולן הארצן:

„איך שיק אַן עמער טיף
אין ברונעם פון זכרון,
און שעפּ פון דאָרט אַרויס
די יונג־געלעבטע יאָרן.

און ווידער פינקלען ריין
די קלאָרע טראָפּנס — טעג,
ווי זאַפּטיק־קילער טוי
אויף יונגן לעבנס־וועג.

איך קוק אויף זיך פאַרטראַכט,
מיין האַרץ אין מיר נעמט קלעמען —
צי וועט מיין לעבן היינט
אַט־יענעם נישט פאַרשעמען?

אַט־יענעם שוואונג צו ליכט,
וואָס האָט מיך דאַן באַפליגלט —
צי האָב איך דורך דער צייט
אין ענגע ווענט פאַרזיגלט?

צי יענער קאַמף פאַר פרייהייט,
וואָס דאַן געווען איז טייער,
איז איצטער בלויז פאַרבליבן
אַן אויסגעלאָשן פייער?

און ציטערדיק איך וועג
און מעסט דעם שפּאַן פון יאָרן:
מיר דוכט, מיט פרייד, איך האָב
דעם המשך ניט פאַרלאָרן.

מיין היינט און מיין אַמאָל —
זיי זיינען ניט דערווייטערט.
עס איז נאָך, דורך דערפאַרונג,
מיין גלויבן מער געלייטערט.

און גרייט בין איך אויך היינט
די פאָן פאָראויס צו טראָגן
און ציונן שייטערס אין דער נאַכט—
ביז אָנפאַנגען וועט טאָגן".

דאָס לעבן, דאָס איצטיקע פון אברהם ניסנעוויטש'ן האָט שוין גאָרנישט פאַרשעמט די יוגנט־יאָרן זיינע, נאָר זיי באַקליידט מיט היסטאָרישער שיינקייט און געטריישאַפט, מיט ביטער־זיסע דערפאַרונגען פון צענדליקער יאָרן קאַמף, וואָס האָבן געבראַכט אַזוי פיל זיסע פרוכטן, וואָס פאַרזיכערן, אַז עס וועט בקרוב אָנפאַנגען טאָגן אויך דאָ בא אונז, ווי עס טאָגט שוין כסדר אין דעם האַלבן וועלט־שטח, וואָס געפינט זיך אונטער סאָציאַליזם.

:: :: ::

די איצטיקע לידער־זאַמלונג איז אַ מתנה דעם ח' אברהם ניסנעוויטש פון דער פראָגרעסיווער אידישער באַוועגונג אין קאַנאַדע. עס איז אַ מתנה פול מיט חבר'ישער אנערקענונג און מיט גרענעצלאָזער ליבשאַפט צו אים באַגלייט מיט די פיינסטע ברכות פאַר נאָך פיל שעפערישע יאָרן דורך וואָרט און טאַט. מיט פען און פאָן פאָראויס זאָל אונזער ליבער חבר און דיכטער שפּאַנען געזונטערהייט צו זיין־אונזערער געגאַרטער וועלט.

ז. ווײנפּער

א. ניסנעוויטש

א.

עס איז גוט, וואָס אַ קאָמיטעט פון אידישע קולטור־מענטשן האָט גענומען אויף זיך די אַרבעט אַרויסצוגעבן אַן אָפּגעקליבענע זאַמלונג לידער פון א. ניסנעוויטש׳ן.

ער איז בײַ אונז אַ פּאַרדינסטפולער מענטש נישט נאָר מיט זײַן לאַנג־יאָריקער אומדערמידלעכער טעטיקייט אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכן און אידישן קולטור־לעבן, נאָר אויך, ווי אַ שרײַבער וועמענס וואָרט איז דורכגעלײַטערט מיט טיפער פּײַן איבער דער רשעות אויף אונזער ערד, און מיט טיפער ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס איז גוט און שײן.

ער איז נישט קיין פּראָליפישער שרײַבער, אונזער א. ניסנעוויטש. דאָס איז דערפאַר, ווײַל די הויפּטזאַך איז בײַ אים די טואונג, אָבער דאָס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין לויף פון זײַן לעבן דורך זײַן פּען, איז ווערט צונויפגעקליבן צו ווערן, כדי דער אידישער לייענער זאָל האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקאָנען מיט דער לויטערקייט, וואָס איז אים.

ב.

— פאַרוואָס שרײַבט איר נישט אָן אײַערע זכרונות? — האָב איך אים שוין וויפיל מאָל געפרעגט, און יעדעס מאָל בײַ אַזאַ פראַגע צערוויטעלט זיך בײַ אים דאָס טונקל, קײַלעכדיק געפּאָלדעוועט פּנים, און זײַנע אויגן צעשײַנען זיך דורך די ברילן.

— מײַנע זכרונות? פרעגט ער איבער אַ טיף גערירטער אַפּנים דערפאַר, וואָס מען מאָנט זיי בײַ אים, און שטענדיק ענטפערט ער מיט אַ פראַגע אויף מײַן פראַגע:

— איר מיינט, אַז איך באַדאַרף טאַקע?

— נו יאָ, אוודאי, — פּרוביר איך אים אויפצומונטערן, און ער הויבט אָן מורמלען צו זיך אַליין:

— זכרונות... נו יאָ... עס איז אוודאי דאָ, וואָס צו דערציילן... די תפיסות

אינעם צארישן רוסלאַנד . . . די קאַמפּן . . . די באַגעגענישן מיט וואונדערלעכע קעמפער . . .

— אַט, אַט, — גיב איך אים אונטער חשק, און ער קומט ווידער מיט דער זעלבער פראַגע:

— איר מיינט, אַז איך באַדאַרף טאַקע?

עס טרעפט זיך, אַז מיין צושטיין צו אים הויבט אָן ווירקן, און דעמאָלט באַשליסט ער:

— מען וועט מוזן זיך אַ נעם טאָן צו דעם . . . יאָ, אומבאַדינגט וועט מען זיך אַ נעם טאָן צו דעם, — צערעדט ער זיך מיט אַ באַשליסנדיקן טאָן אין זיין קול, און טאַקע גלייך אויפן אָרט ווערט ער ממש אַ צעלויכטענער סיי פון דעם, וואָס מען דערמוטיקט אים, און סיי פון די בילדער, וואָס הויבן אין דעם זעלבן מאָמענט אָן צו שוועבן פאַר זיינע אויגן, וועלכע ער וועט באַדאַרפן אַרויסברענגען דורך זיין פען.

— עס איז נישט נאָר מיינע יונגנטלעכע יאָרן אונטער דעם צארישן רעזשים אין אַלטן רוסלאַנד, — עס איז דאָ אויך אַזוי פיל צו דערציילן פון מיינע ערשטע יאָרן דאָ אין טאָראָנטאָ.

אָט אַזוי צעבאַגייסטערט ער זיך, און מען מיינט, אַז ער נעמט זיך טאַקע גלייך צו דער אַרבעט, אָבער . . .

ג.

—נו, קומט, קומט, מיר וועלן זיך פאַרשפּעטיקן! — קלינגט מיר אין אויער זיין אַרויסרוף יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט וועגן אים.

אַ קליין־געוואוקסיקע, קייַלעכדיקע פיגור, יאָגט זי זיך אויף די פיס, וואָס האָבן שוין הינטער זיך אַ היבשן מהלך. דאָס האַרץ, — דער מאָטאָר פון אָט־דער פיגור איז שוין לאַנג היבש אָפּגעשוואַכט, אָבער דער אימפּעט אין איר וויל זיך מיט דעם נישט רעכענען.

— נו קומט, מיר וועלן נאָך פאַרשפּעטיקן!

און ער יאָגט זיך אָט־דער א. ניסנעוויטש. וואוהין? אַ, עס ווייסט אַקוראַט וואוהין זיך צו יאָגן אונזער א. ניסנעוויטש. אמת, — הינטער אים איז שוין דאָ אַ היבשער שטח, אָבער עס איז נאָך דאָ אַזויפיל צו גיין.

— אַי, ווען נישט די וויסטע פּרנסה! — טוט ער פון צייט־צו־צייט אַ קרעכץ אַרויס פון זיך.

נו יאָ. אַז מען האָט אַ ווייב, וואָס איז נישט געזונט, און קינדער, כאָטש דערוואַקסענע שוין, וואָס מוזן נאָך האָבן דעם טאַטן, מוז מען יעדן טאָג זיצן און פּראָדוצירן לעדערנע פּאַסיקלעך פאַר ווייבערשע קליידלעך.

ווער האָט זיי אויסגעטראַכט אָט־די פּאַסיקלעך און וואָס פאַר אַ זין איז אין זיי, ווען עס איז דאָ אַזאַ פאַרביקע באַוועגונג, וואָס יעדער טייל אירער איז אים טייער, און דאַרף זיין אַרבעט, און זיין הילף?

זיצט זיך טאַקע באַ אָט־די פּאַסיקלעך, ווי אויף שפּילקעס, און באַ יעדער געלעגנהייט כאַפּט מען זיך אַרויס פון זיי.

— נו, קומט, קומט, מיר וועלן נאָך פאַרשפּעטיקן!

דאָס יאָגט ער זיך אַזוי מיט מיר צו כאַפּן אַ אידן וועמען ער דאַרף דערקלערן די וויכטיקע אַרבעט פונעם איקוף.

— וואָס מיינט איר, אַז איר האָט נישט קיין צייט צו לייענען?

ווען ער פרעגט אָט־די פראַגע באַ אַ אידן, איז דאָס נישט די סטעריאָטיפּע פראַגע, וואָס מען פרעגט, ווען מען וויל עפּעס פאַרקויפן, נאָר עס איז באַ אים אַן אויפריכטיקע איבעררראַשונג, וואָס עס געפינט זיך בכלל אַ מענטש באַ וועמען לייענען אַ זשורנאַל און אַ בוך איז נישט אַזוי נאַטירלעך, ווי עסן און טרינקען.

— ווי קען זיך דאָס אַ מענטש באַגיין אָן אַ בוך, האַ?

ד.

איך טראַכט, אַז די סיבה פאַרוואָס אים איז שווער זיך אָוועקצוזעצן אַרבעטן אויף זיינע זכרונות איז אין דעם, וואָס ער האָלט שטענדיק אינמיטן אַ טואונג, און ווייל די טואונגען זיינען באַ אים אַזוי פיל, האָט ער נישט קיין געדולד פאַר אַ סך־הכל.

און וואָס זיינען זכרונות, אויב נישט דער סך־הכל פון אַ וועג, וואָס מען איז שוין דורכגעגאַנגען?

אַ ליד איז עפּעס אַנדערש. דאָס ליד איז מערסנטס דער אויסדרוק פון דער טרייב־קראַפט אינעם אייגענעם געמיט. מען לאָזט דעם אימפּעט, וואָס אין זיך, דורך דער פען, און עס איז אַזוי ווי די פּיל, וואָס מען נעמט איין צו פאַרשטילן אין זיך דעם ברויז, וואָס דערגרייכט צום האַרצן, ווען מען איז אינמיטן דעם געיעג. און אַז עס טרעפט, מען ווערט פּלוצלונג אינמיטן דערינען אַביסל סך־הכל'דיק געשטימט, איז דער פערז אויך אַ מיטל פאַר באַרואיקונג.

> אין שטילקייט פון אָוונט,
> ווען זון איז באַם ראַנד, —
> דער הימל פאַרציט זיך
> מיט שוואַרצן געוואַנט.

שורות וואָרנדיקע, אַז די זון איז באַם ראַנד, — אַז דער הימל פאַרציט זיך מיט שוואַרצן געוואַנט, און שוין טאַקע אפשר צייט פאַר אַ סך־הכל?

מען פרעגט זיך די פראַגע, אָבער אויפן אָרט איז גלייך דאָ אַ באַרואיקונג, אַז עס איז נאָך צייט, ווייל זעט, — אָט „גילדן זיך נאָך דאָך די שטראַלן פון גאָלד", איז וואָס־זשע די איילעניש? בפרט אַז—

> אין שעה'ן אין שטילע מיט מנוחה געבענטשטע,
> ווען איך בין אַ חבר צו בוימער און גראָזן,
> ווער איך געלייטערט פון לופטיקער פרישקייט,
> די מידקייט אין מיר ווערט פון ווינטלעך צעבלאָזן.

און אַז די מידקייט ווערט פון ווינטלעך צעבלאָזן, איז וואָס־זשע איז די איילעניש זיך שוין טאַקע איצט אַוועקזעצן און אונטערציען סך־הכל'ען?

איילט ער זיך נישט אונזער א. ניסנעוויטש מיט זיינע זכרונות, וואָס וואָלטן בפירוש געקאָנט ווערן אַ וויכטיקער צושטייער אין אונזער מעמואַרן־ליטעראַטור, און ער לעבט זיך אויס אין זיין שטענדיקער, אומדערמידלעכער טואונג און אין זיין ליד.

ה.

און וואָס איז זיין ליד דען אויב אויך נישט אַ טואונג, וואָס ער באַמיט זיך צו טאָן פאַרן לעבן?

איר וועט נישט געפינען אין זיינע לידער קיין ליד, וואָס איז ליד פאַר זיך אַליין, ווי עס טרעפט זיך בא פאָעטן, וואָס זיינען בלויז פאָעטן, און נישט עפּעס אַנדערש. זיינס אַ ליד קומט שטענדיק פון ערגעץ, און טראָגט אין זיך די דערפאַרונג פון אַ מענטשן, וואָס האָט פון זיין פּריסטער יוגנט אָנגעהויבן גיין דעם גאַנג פון אַ שליח מיט עפּעס זייער אַ וויכטיקע שליחות. אַפילו אין זיינע מאָמענטאַלע שטימונגען, וואָס קומען בא אים צום אויסדרוק דורך פערזן, זיינען הויפּטזאַכלעך אין זיי די טואונגען זיינע פאַר אַ בעסערער וועלט און אַ בעסער אידיש לעבן.

דער פאַקט, וואָס זיינע אויסדרוק־מיטלען זיינען באַגרענעצטע פאַרמינערט נישט דעם ווערט פון זיין ליד. דאָרט, וואו ער איז פּרימיטיוו אין דער פאָרם, פאַרגיטיקט ער מיט זיין אויפריכטיקייט, וואָס איז דאָ אין זיין וואָרט.

אויב ער קאָן זיך נישט פאַרמעסטן מיט די קאַלירפולע מייסטער פון פאָרם אין אונזער היינט־צייטיקער פּאָעזיע, שטייט ער אָבער נישט אָפּ פון אַ צאָל צווישן זיי אין עכטקייט, און מיט דער לויטערקייט פון זיין לעבן, וואָס פילט זיך אין זיין וואָרט.

ו.

און עס איז די עכטקייט און לויטערקייט פון א. ניסנעוויטש, וואָס האָט מיך צוגעצויגן צו אים. וואָלט ער נישט געשריבן, וואָלט ער געווען אַ דאַנקבאַרע טעמע פאַר אַ פּאָעמע פאַר יעדן פּאָעט. ווי עס איז, האָט ער זיך אַליין אריינגעזונגען אין זיינע אייגענע לידער, און כאָטש זיין געזאַנג איז נישט פון קיין געשולטן עמוד־קינסטלער, און כאָטש דאָס געזאַנג פון זיין קול באַשטייט בלויז פון איין אָקטאַווע, איז דאָך זיין געזאַנג רירנדיק און גייט אין דיין האַרצן אַריין, ווי עס גייט דאָס געזאַנג פון אַ היימישן פּשוט'ן בעל־תפילה וועמענס געמיט איז אָנגעפילט מיט טיפן גלויבן צו דעם פאַר וועמען ער קומט מיט זיין תפילה און סיי אין די פאַר וועלכע ער איז מתפלל.

• שלום שטערן

א. ניסנעוויטש—דיכטער און קולטור-טוער

מיר אַלע קאָנען דעם ליבן חבר ניסנעוויטש. מיר שעצן טיף זיין געטריישאַפט צו דער אידיש־פּראָגרעסיווער קולטור צו וועלכער ער האָט פיל צוגעטראָגן אין משך פון יאָרן. עס איז אַ שיין און גייסטיק־רייך לעבן, וואָס האָט זיך אַריינגעוועבט אין אונזער אַלגעמיין קאַנאַדער אידיש־פּראָגרעסיווער קולטור־אַנטוויקלונג.

עס איז דעריבער נישט אָפּצוזונדערן ניסנעוויטש'ן דעם קולטור־פאַרשפּרייטער פון ניסנעוויטש'ן דעם דיכטער. דאָס דיכטן פאַרגאַנצט דעם קולטור־מענטש. עס מאַכט פאַרטיפטער און פילט אים אָן מיט יענע לויטערע שטימונגען און טרוימען, וואָס קרעפטיקן אים אין דער טאָג־טעגלעכקייט.

בעת עס ווערט אים שווער, ווען עס דאַכט זיך, אַז צו דריקנדיק איז די גרויסע לאַסט פון דער גראָער וואָכעדיקייט — יאָ, דעמאָלט ציט אָן אונזער ניסנעוויטש די פּאָעטישע סטרונע. ער שפּילט אויף דער דינער האַרף, וואָס ציטערט אונטער דער האַנט. ער זוכט באַרואיקונג, טרייסט, אָבער קיינמאָל וויל ער נישט זיך אַזוי איינשטילן, עס זאָל בלויז אים ווערן גוט און רואיק. ער קלאַנגט־אויף, כדי ער זאָל באַלד קאָנען אויפסניי אָנלאָדן אויף זיך דעם שווערן, אָבער דאָך אייגן־געוואָרענעם פּאַק פון כל'ערליי טעטיקייטן לטובת הכלל.

אַצינדערט לייענענדיק זיינע געזאַמלטע לידער, האָב איך זיך אויסגעמאָלן דאָס געשטאַלט פון אונזער ליב־לויטערן ניסנעוויטש, ווי ער שפּאַנט און שפּינט פאַרטרוימ־טערהייט דאָס אידישע ליד. איך האָב זיך אַליין געוואונדערט אויפן כוח פון שעפערישן וואָרט וואָס זוכט אויסדרוק דורך אַלערליי שלייערן. איך באַטאָן שלייערן, מחמת פיל פון זיינע לידער דעקן זיך אַליין, צוליב דער פאָרם אין וועלכער זיי זיינען אויסגעגאָסן געוואָרן, אין אַ מין סענטימענטאַלער פאַרטרוימטקייט. דער אופן פון זיין שרייבן דערמאָנט אונז אין די פּיאָנער־יאָרן פון אונזער ליד. פון יענער נישט־ווייטער צייט, האָט ער אָנגענומען די השפּעה. דער דיכטער ניסנעוויטש, האָט ווי צו זיך געזאָגט: איך בין פון אַ דור, וואָס אַזוי־און־אַזוי האָבן זיי אויסגעדריקט זייערע געפילן, אַזוי האָבן זיי אויסגעלייגט זייערע גראַמען. איך קום זיך מיט קיינעם נישט פאַרמעסטן, איך וויל זינגען, ווי איך פיל, דורך דער דאָזיקער איינפאַכער ריטמיק, וועל איך אַרויסזינגען די אָנגעזאַמלטע טראַכטענישן און שטימונגען און אַזוי אַרום אויסקלינגען מיינע פערזן.

לייען איך אַט־די איינפאַכע אָבער טיף־האַרציקע פערזן און פיל פון זיי ציטערן מיט עכטער פּאָעטישקייט. גאַנץ אָפט וועבט זיך אויס אַ גוט־פאַרטראַכט, דיכטעריש בילד:

„שטיינדלעך עס האָבן צום ערשטן
באַנעצט די פאַרטריקנטע ליפּן.
מיט פייכטקייט מיט קילער, מיט פרישער
געלייטערט דורך ערדישע זיפּן".

זיינע לידער זיינען נישט פון איין גוס, נישט פון איין געמיט־צושטאַנד. הגם ער פאַרזינקט אָפט אין די שווערע טאַטשענדיקע מחשבות פון דעם לעבן וואָס נויגט זיך צום אוונט־גאַנג, הגם, ער וויל דערשפּירן דעם ברי פון פאַרגאַנג וואָס פאַלט אין טרוים, ווי אַ דין־געוועבטער פאַרהאַנג, דאָך איז זיין ליד, אַפילו דאָס סאַמע סענטימענטאַלסטע, נישט קיין יחיד׳יש ליד בלויז, עס פאַרוועבט זיך מיט די קאַמפן פון אונזער היינט, מיט אַלע טרוימען אויף אַ געבעסערטן מאָרגן.

איך נוץ דעם באַגריף סענטימענט נישט צו פאַרמינערן דעם ווערט פון ניסנע־וויטש׳עס ליד, נאָר גראָד להיפוך צו ווייזן, אַז ער קומט צו אונז אַזוי אמת׳דיק און פּאָעטיש־ערלעך, ווי אַ דיכטער דאַרף קומען, — אָן פּאָזע, אָן נוצלאָזן פּאָעטישן פּוץ. ער איז אויפריכטיק מיט זיך, ווען ער גיט איבער זיין געמיט אין אַזעלכע צו האַרץ־געריכטעטע פערזן:

„מיט ווערטער מיט פּראָסטע
איך שרייב מיינע לידער;
ווי איך וואָלט געשמועסט —
מיט שוועסטער, מיט ברידער.
אָן אָנשטעל, אָן פּאָזע,
מיט האַרציקע ווערטער —
ווי איך וואָלט פאַרטרויט זיך
מיין ליבסטער — באַשערטער".

דעריבער גלויבן מיר טאַקע אין זייער אויפריכטיקייט, דעריבער ציטערן מיר אויף פון צייט־צו־צייט מיט זייער האַרציקייט. און איבערגעלעבט האָט זיי ניסנעוויטש וואָס פאַר אַ מאָטיוו ער זאָל דורך זיי נישט אויסזינגען. מיר האָבן פאַר זיך אַ פאַרשיידנאַר־טיקייט פון מאָטיוון. איך וואָלט געזאָגט, אַלצדינג וואָס מיר אַנען אַרום אונז, אַנט ער דורך זיין ליד אין זיך. דער קאַמף פאַר שלום, די בענקשאַפט פון אַ לאַנג־יאָריקן רעוואָ־לוציאָנער נאָך אויסלייזונג, דער טיפער פיין אויפן חורבן פון אונזער פאָלק אונטער דער הילטעריסטישער אָקופּאַציע, זיינע איבערלעבונגען אריינגעפּרעסט אין לידער פון זכרונות. יאָ, אין אַלע פּעריאָדן וואָס האָבן פאַר אונז פאַרבייגעשטורעמט, האָט ער געפּרוּווט פון זיי דערציילן אויף זיין אייגענעם אופן, מיט די פּאָעטישע מיטלען, וועלכע ער האָט זיך איינגעניט.

און ווען מיר פאַרענדיקן לייענען זיין לידער־זאַמלונג נעמען מיר מיט זיין פּאָעטישע

שטימונג. וואָרע און אויסגע׳חלומ׳טע וועלט, ווערט אַ טייל פון אונזער איבערלעבעניש. מיר דערזעען אונזער ניסנעוויטש׳ן אין אַ נייַ ליכט, אין שיין פון שיינעם־האַרציקן ליד. ער ווערט אונז דערקאָנטער, ליבער און אייגענער, ווייל מיר האָבן דערפילט דעם ציטער פון פּאָעטישקייט, מיר האָבן דערזען דעם פּראָגרעסיוון דיכטער ניסנעוויטש אין זיין אייגענער וועלט. און צוזאַמען מיטן דיכטער זינגען מיר מיט שורות, וואָס ווערן אונזער אַלעמענס געזאַנג:

„איז טרינק איך דעם זאַפט פון די יאָרן,
און פרישקייט דערקוויקט יעדן גליד.
ווער זאָגט עס, אַז יאָרן דערשעפּן?
ווער זאָגט עס, אַז עלטער מאַכט מיד?

איך שפּאַן נאָך איַן טראָט מיט דער יוגנט
צום אָנקום פון פרישן קאַיאָר;
צו זען, ווי מיין חלום צעבליט זיך
מיט פלאַמיקע פאַרבן פון וואָר".

מיר ווינטשן דעם ליבן דיכטער ניסנעוויטש, אַז זיין און אונזער חלום זאָל אינגיכן ווערן ליכטיקע וואָר. און זאָל ער דערלעבן אָט־די דאָזיקע פרייד און ווייטער זינגען זיין אויפריכטיק, האַרציק ליד אויף זיין שטייגער, ווי ביז איצט.

1942—און איצט

(אַ דאַנק און אנערקענונג)

סוף יאַנואַר 1942, איז דערשינען מיין ערשטע זאַמלונג־לידער אונטערן נאָמען: „אין לויף פון יאָרן". צו יענער צייט האָב איך געשריבן:

„ווי נח האָט אַרויסגעשיקט די פלאַטערדיקע־טויב פון דער תבה צו געפינען אַ צייכן אַז דער מבול איז פאַראיבער, אַזוי שיק איך אַרויס מיינע ציטערדיקע לידער אין דער וועלט אַריין, האָפנדיק מיט מיין גאַנצן האַרצן אַז אויך זיי וועלן געפינען אַ צייכן, אַז דער איצטיקער בלוטיקער מבול וועט פאַראיבער און דער טריאומף פון גערעכטיקייט איבער רשעות וועט מיט אַלע קאָלירן פון רעגן־בויגן באַשיינען אַ נייע, פרייע, גליקלעכע וועלט . . ."

דער בלוטיקער מבול איז אָבער אַזוי שנעל ניט פאַראיבער. די נאַצי־האָרדעס, מיט דער הילף פון די אויסוואורפן־קאָלאַבאָראַטאָרס צווישן די פעלקער וועלכע זיי זיינען באַפאַלן, האָבן זיך ערגער ווי ווילדע חיות געוואָרפן אויף זייערע קרבנות. טויזנטער „לידיטשעס" זיינען אָפגעווישט געוואָרן פון דער ערד. די פעלקער זיינען אָפגעגאַנגען מיט בלוט. אויף דער אידישער באַפעלקערונג האָבן זיי דורכגעפירט די גרויזאַמסטע רציחות. די ערד אין באַבי־יאַר האָט געכאָרכלט מיט דעם דערשטיקטן אָטעם פון די לעבעדיק־באַגראָבענע. די קוימענס פון די קאַלך־אויוונס אין מאַידאַנעק, טרעבלינקאַ און אוישוויץ האָבן געשליידערט צום הימל וואָלקנס רויך פון מיליאָנען פאַרגאַזטע און פאַרברענטע אידן. נאָר ניט פון הימל איז אַראָפגעפאַלן הילף און טרייסט.

טרייסט, הילף און האָפענונג זיינען געקומען פון די וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַ העלדישן ווידערשטאַנד. פריער האָט זיך צעקלונגען איבער דער וועלט דער אומשטערבלעכער נאָמען פון סטאַלינגראַד. עס האָט זיך דערנאָך באַוויזן דער פייער־זייל פון דעם רומפולן אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. און ווי דונערן האָבן די האַמער־קלעפ פון דער רויטער אַרמיי אָפגעקלונגען און אָנגעזאָגט דעם „פרילינג אויף דעם טייך אָדער". בערלין פאַלט, און אונטער אירע חורבות ווערט באַגראָבן היטלער, ימח שמו מיט זיין חלום פון טויזנט־יאָריקער הערשאַפט. ערשט דאַן האָבן זיך די

העלדישע רויט־אַרמייער באַגעגנט מיט די אַמעריקאַנער פאָלקס־קעמפער אויף די ברעגן פון דעם עלבע־טייך, ווי ברידער אין דעם טריאומף־מאַרש פון אַ געמיינשאַפטלעכער אַנטי־פאַשיסטישער פרייהייט־אַרמיי. און די גאַנצע וועלט האָט זיך צעשיינט מיט דער פרייד פון פרידן און זיג. אַן אָנזאָג פון אַ נייער ערא, פול מיט ליכטיקע האָפענונגען איז געקומען פאַר דער מענטשהייט.

איך איצטער, ווען עס גייט צום דרוק מיין לידער־זאַמלונג מיט דעם נאָמען: „אויף די וועגן פון לעבן", שפּרייטן זיך שוועררע מלחמה־וואָלקנס, און וואַרפן־אָן אַ שרעק אויף אַלע פעלקער פון דער וועלט. אָבער . . . די טויב פון שלום דאַרף ניט פלאַטערן ציטערדיק צו געפינען אַ צייכן, אַז די ערד וועט ווידער גרינען אין פרידן. מעכטיקע מחנות פון צענדליקער מיליאָנען איבער גאָר דער וועלט זיינען אַנטשלאָסן און גרייט צו קעמפן פאַר פרידן אויף דער וועלט. גרייט צו צוימען די הענדלער פון טויט אין זייער דראַנג צו נייע מלחמות.

נאָך דעם מבול האָט זיך באַוויזן אין די לויטערע הימלען דער פיל־פאַרביקער רעגן־בויגן, ווי דער וואונדערלעכער צייכן פון אייביקן ברית־שלום אויף דער וועלט. סטאַלינ־גראַד און וואַרשע זיינען צוזאַמענגעפלאָכטן געוואָרן אין איין לאָרבער־קראַנץ פון רוים און העראָאיזם, וואָס הויערט ווי אַ הייליקער סימבאָל אויף אַלע ברידער־קברים מיט וועלכע די ערד איז פאַרזייט. מיין פאָלק וועט צוזאַמען מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט גיין אויף „די וועגן פון לעבן" צו פרידן, צו אַ ליכטיקער צוקונפט.

אויב מיינע באַשיידענע לידער וועלן מיט עפּעס ביישטייערן צו מאַכן אָט־דעם „גאַנג צום לעבן" מונטערער, פרישער, געוואַגטער — וועל איך עס מיט פרייד באַטראַכטן סיי פאַר אַ שכר און סיי פאַר אַ זכיה.

:: :: ::

איך וויל דאָ באַטאָנען מיט גרויס צופרידנהייט און אַנערקענונג דעם זייער וויכטיקן פאַקט, וואָס די אחריות פאַר אַרויסגעבן מיין בוך איז אַ געזעלשאַפטלעכער. אונזער „וואָכנבלאַט", דער קולטור־קאָמיטעט פון אונזער פּאַראייניקטן אידישן פאָלקס־אָרדן, דער טאָראָנטער קאָונסיל פון די איקוף לייען־קרייזן און דער בראַנטש 2 פון אָרדן, וואו איך בין אַ מיטגליד — האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרזיכערן, אַז מיינע לידער וועלכע זיינען צעשפּרייט אין פאַרשיידענע טעגלעכע און פּעריאָדישע אויסגאַבן זאָלן געזאַמלט און פרעזערווירט ווערן צווישן די טאָוולען פון אַ בוך. אַזוי אַרום געבן מיין שאַפונג מער גאַנצקייט און קאָנצענטרירטקייט און דערמיט מאַכן אַ ביישטייער צו דער אידיש־פּראָגרעסיווער קולטור, וואָס ווערט געשאַפן באַ אונז אין קאַנאַדע. אַזאַ צוגאַנג צום אַרויסגעבן אַ בוך גיט דעם שרייבער מער חשיבות און מער אָנרעגונג צום ווייטער־דיקן שאַפן.

איך בין זייער גערירט פון דעם וואַרעמען, חבריש־פריינטלעכן אָפּרוף וואָס דאָס אַרויסגעבן פון מיין בוך האָט אַרויסגערופן צווישן די מיטגלידער פון אָרדן און פון די לייען־קרייזן. עס איז אַ גרויסע פּריווילעגיע צו באַלאַנגען צו אַזאַ משפחה, וועלכע נעמט אויף אַ קולטור־דערשיינונג מיט אַזאַ פרייד און ענטוזיאַזם.

מיר פעלן ווערטער צו אויסדריקן מיין טיף־האַרציקן דאַנק צו מיין ליבן חבר און חשוב'ן רעדאַקטאָר פון „וואָכנבלאַט" י. גערשמאַן פאַר דער שווערער מי, וואָס ער

האָט אויך זיך גענומען צו טאָן אַלע נויטיקע אַרבעטן, וואָס עס פאָדערט די אַרויסגעבונג פון אַ בוך. צוליב מיין געזונט־צושטאַנד, ווען איך קען אפילו ניט העלפן אין דער קאָרעקטור, האָט ער ווי אַ געטרייער חבר פאַר אַלץ געזאָרגט און אַלץ באַזאָרגט, און האָט נאָך צוגעלייגט אַ שיינע מתנה צום בוך — זיין האַרציקן אַריינפיר. ליבער, אָפּטמאָל שטרענגער רעדאַקטאָר, נאָר אַלעמאָל האַרציקער חבר גערשמאַן — מיין סאַלוט צו אייך.

צו מיין „שעף" אין דער איקוף־אַרבעט, דעם חשוב'ן און טייערן חבר, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון איקוף, דעם באַקאַנטן דיכטער און קולטור־שאַפער ז. וויינפער, מיין האַרציקע ברכה פאַר זיין חשוב'ן ביטראַג צו מיין בוך און סיי פאַר זיין דערמונטערן און דערמוטיקן מיך צו מער שעפערישקייט און מער שלימות אין מיין דיכטונג.

לטוב יזכר: מיין אינגערער, נאָר רייפער חבר־דיכטער און עסייאיסט שלום שטערן, דער שעפערישער באַרייכערער פון אונזער קאַנאַדער אידיש־פּראָגרעסיווער קולטור, אַ גרויסן דאַנק אייך פאַר דער מתנה, וואָס איר האָט געשיקט צו באַשיינען מיין בוך.

זאָל אויך דערמאָנט ווערן די וואַרעמע באַציאונג און מיטהילף פון דעם פּעדאַגאָג און אידישן קולטור־טוער ח' ליבל באַסמאַן, וועלכער האָט פיל בייגעטראָגן צו דער־מעגלעכן די דערשיינונג פון דעם בוך.

און אַ דאַנק דעם ח' הערשל אַבראַמאָוויטש פאַר אַרויסהעלפן אין לייענען די קאָרעקטור און אין צוזאַמענשטעל פון דעם בוך.

אויך באַדאַנק איך דעם גאַנצן קאָמיטעט פון די אָרגאַניזאַציעס, אונטער וועמעס אויפזיכט דער בוך דערשיינט.

:: :: ::

פאַר מיר בלייבט צו האָפן, אַז מיינע לידער וועלן קריגן אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די לייענער און אַרויסרופן באַ זיי יענעם אינטימען באַריר מיט מיינע געפילן און געדאַנקען, וואָס וועט זיי צוזאַמענבינדן מיט מיינע שטרעבונגען, האָפענונגען און טרוימען.

א. ניסנוועיטש

ציטערדיקע סטרונעס

אַ קעמפער׳ס תפילה

אָ, האַרץ מיינס, געטרייע, אין אַנגסטפולע שעה׳ן,
ווען פיינט וועט מיך שטעלן פאַר שווערן נסיון —
פאַרפעל ניט, חלילה, מיט מוט צו פולסירן,
באַפלעק ניט מיין נאָמען מיט שוואַרצן בזיון.

דער פיינט וועט מיך האַלטן געפאַנגען —
מיט שפּיזיקע אויגן מיין פּנים וועט שטעכן;
מיט מאַרטער־געצייגן וועט אָנוואַרפן שרעקן,
איך זאָל, וואָס איז הייליק, מיט פּחד פאַרשוועכן.

אויב ציטער וועט קומען צו ערגעץ אַ מוסקול —
פאַרשווענק אים מיט שטראָמען, מיט שטאַרקע און פרישע.
זאָל שטיין קעגן שונא אַ קעמפער אָן מורא —
אַ קעמפער אַ שטאָלצער, באַם פיינט אין דער תפיסה.

ווען פיינט וועט אויך פּרואוון מיט חניפה מיך קויפן,
מיט גאָלדענעם שימער די אויגן מיר רייצן —
צעברויז אין מיר דעם גייסט פון די בראַווע,
אַז איך זאָל מיט עקל דעם שונא פאַרפלייצן.

און שטאַרק מיך, אָ, האַרץ מיינס, צו קאָנען
אויך טרינקען דעם ביטערן וויין פון יסורים —
און שיכור ניט ווערן . . . נאָר קלאָרער דערבליקן,
ווי ס׳טראָגט זיך די פרייהייט אויף פליגלען פון שטורעם

די ווענט פון מיין תפיסה ניט שטיין וועלן אייביק.
אָט קומט דער צעשמעטער — זיי פאַלן, זיי פאַלן!
און ליבער ווערט פרייהייט, ווען קייטן צעשפּרינגען,
און לעבן צערוישט זיך מיט פריידיקע קוואַלן!

אין דערוואַרטונג

ס'איז שווער אין אײנזאַמקײט צו וואַגלען,
אין שאָטן שטענדיקן — צו לעבן . . .
עס ווילט זיך צוטוליען צו פרײנטשאַפט;
אין וואַרעם זון-ליכט זיך פאַרוועבן.

ס'איז שווער צו צײלן טעג אָן פרײדן,
און נעכט, וואָס ברענגען ניט קײן רו . . .
ווער טרײסט אַמאָל מײן שוועל באַטרעטן?
ווען קומען גליק פון ערגעץ-וואו?

אַ טיפער הימל שפרײט זיך אין די רוימען;
אַ שטערן פינקלט, ציטערדיק-פאַרטראַכט . . .
און פול מיט סודות און דערוואַרטונג
עס פליסטערט שטיל צו מיר די נאַכט . . .

איך בעט נישט

איך בעט ניט צוריקקער
פון יוגנט די יאָרן;
ווען טאַנץ האָט געשפּילט זיך
אין פשוט'ן גאַנג;
ווען פרייד האָט געקוואָלן
פון עצם פון לעבן . . .
און אָטעם דער גרינגער,
פון האַרץ אַ געזאַנג . . .

זײ זײנען געוועזן
אויף כוואַליעס פון לעבן
דער פרײדיק-צערוישטער
און שטראַליקער שוים.
ליגט רואיק באַהאַלטן
אין טיפן זכרון;
ווי וואַרצלען אין ערד
פון צעוואַקסענעם בוים.

ס'איז בלויז, ווען די בלעטער
פון בוים דעם צעשפּרײטן,
עס ווערן פאַר'חלש'ט
פון טרוקענעם ווינט —
זײ בעטן דורך צווײגן,
דורך קאָרע זײ רופן:
אָ, וואָרצלען, דערפרישט אונז
מיט פײכטקײט געשווינט!

צו אָפּכאַפּן אָטעם
פון טרוקענע זאַמדן,
וואָס סמאַליען די בלעטער
און שטיקן די לופט.
די וואָרצלען דאַן אײלן
צו שיקן די נערונג,
ווי מאַמעס, ווען הונגער
פון קינדער זײ רופט.

אויך איך האָב צעהאַנגען
די טעג פון מיין לעבן,
ווי בלעטער, צעגרינטע
אויף בוים פון דער צייט.
פון טויען די קילע,
פון ליכטיקן זון־שיין —
זיך יעדן פרימאָרגן
דערפרישט און באַנייט . . .

איז טרוים איך אין שווערע,
אין פינצטערע צייטן, —
פון פרישקייט פון יוגנט
פאַרזוכן דעם טעם . . .
און ווינטעלעך לייכטע,
דאָס אַש פון יאָרן
צעווייען — און ווידער
צעהעלט זיך אַ פלאַם! . . .

איך בין דאָ

(אַן איבערלעבונג)

מיין בעט איז מיט קישנס,
מיט ווייכע געבעט;
אַ זאָרגפולע שטימע
דערמאָנט: ס'איז שוין שפּעט.

איז פאָלג איך. — אַ מידער
איך לייג זיך, און האָף:
די גלידער פאַרוויגן
וועט רואיקער שלאָף.

נאָר אומרו צעעפנט
די אויגן מיר ברייט;
מיט צוקן פון ברעמען
מיין שלאָף ווערט צעווייט.

עס כאַפּט אויף מיין אויער,
פון האַרצן דעם פלאַטער;
ווי פויגל'שע פליגלען —
פון פליען פאַרמאַטערט.

ס'האָט „עמיץ" פאַרהאַלטן
מיין בלוט אין אַרטעריע . . .
און ס'צאַפּלט מיין האַרץ זיך
אין טיפער מיסטעריע . . .

צי מיינט עס, אַז וועבער,
וואָס שפּינט דאָרט מיין לעבן,
וועט איצט־אָ, דעם פאָדעם,
דעם לעצטן פאַרוועבן? . . .

מיין מוח, דער דענקער,
איז גרייט צו באַשליסן,
אַז אָט, וועט דער אָטעם
מיט שטומקייט זיך שליסן;

אויף אויגן, וואָס שפּיגלען
קאָלירן און שטראַלן,
פון אייביקן חושך
אַ פאָרהאַנג וועט פאַלן;

ווי ס'פאַלט אויף אַ בינע,
נאָך פריילעכן שפּילן;
ווען ליכט זיך צעלעשן . . .
און קלאַנגען — פאַרשטילן . . .

נאָר מוח געלינגט ניט
אין שרעק מיך פאַרהילן;
כאָטש טיף, אין די לונגען —
ווי קלעזמער וואָלט שפּילן . . .

און אָט האָט דער „עמיץ״ —
מיט מאַגישע פינגער,
דאָס צאַפּלען פון האַרצן
געמאַכט עטוואָס גרינגער . . .

עס האָבן די בלוטן
אַ שטראָם־זיך געגעבן
דורך נייע געפעסן,
און פליסן — צום לעבן . . .

אין אויגן אַ פרייקייט
עס הויבט־זיך אָן שפיגלען;
ווי ס׳וואָלט אין אַ תפיסה —
זיך עפענען ריגלען . . .

איך הער שוין פון ווייטן,
ווי זייגער פון שטאָט
צעקלינגט פון די צייטן
דעם אייביקן טראָט . . .

פון קלאַנג, עס צעוויגט זיך
די שטילקייט פון נאַכט,
מיט טרייסטונג צו די־אָ,
וואָס אומרו באַוואַכט.

ס׳איז גוט צו פאַרנעמען
דעם קלאַנג פון דער שעה —
אַ פריידיקער אָנזאָג,
אַז איך בין נאָך דאָ!

די רגע פון שקיעה

איך טראַכט ניט מיט אומעט,
איך טראַכט ניט מיט טרויער,
פון רגע פאַטאַלער —
דער סוף פון מיין דויער.

ס׳איז וואַקסן און וועלקן —
יצירה׳ס אַ גזירה . . .
און קיין זאַך האָט קיין אויסוואַל,
און קיין זאַך האָט קיין ברירה . . .

פון לעבן ווערט פוילונג;
פון פוילונג ווערט לעבן;
פון דער־אָ פאַרוואַנדלונג
די וועלט וועט זיך וועבן.

עס איז ניט קיין אָפּשטעל —
די רגע פון שקיעה.
ס׳איז בלויז נאָר אַן אומבייט —
פון חומר — אין זריעה . . .

פון קבר פון טיפן
יניקה וועט ציען
אַ גרעזל — אין גרויען,
אַ בלימל — אין בליען.

אַמאָל קען צוקאָפּנס
אַ בוים זיך צעצווייגן ;
מיט רוישן פון בלעטער
באַלעבן מיין שווייגן.

און דאָס, וואָס פאַרבליבן
פון מיר איז אין שטויבן,
דורך וואָרצל צו שפּיצן
באַזונטע דערהויבן.

אויך חשבון געפירטער
דורך טעג און דורך יאָרן
געווען ניט אומזיסטער;
ניט גיין וועט פאַרלאָרן.

איך האָב ניט געפירט אים
מיט סודות פון שיפער;
פאַרשטענדלעך דער אינהאַלט
און קלאָר איז די ציפער.

סך־הכל פון חשבון
פאַרבלייבט ניט פאַרשריבן;
און ליידיקע שורות
פאַר דעם איז געבליבן . . .

דאָס בוך לאָז איך אָפן
פאַר וועלט צו באַטראַכטן;
וואָס ס׳זאָגן די ציילן
פון חשבון געמאַכטן.

און אויב ס׳וועט פון מיר נאָך
ירושה פאַרבלייבן,
אויף ליידיקע שורות
זאָל עמיץ פאַרשרייבן:

„דעם חשבון געמאַכט האָט
אין שעה׳ן, אין שטילע —
אַ אידישער דיכטער
מיט ציטער פון תפילה . . .

„ער׳ט שכל און זינען
פון לעבן געפונען;
און ליכטיקע טרוימען
אין פערזן געשפונען . . .״

מיין הארץ

האַרץ, מיין האַרץ,
פון לאַנגן קאַמף — ביסטו מיד;
און מונטער רעגט ניט מער
דיין פולס — מיין יעדעם גליד.

אָט — ווי אַ „גייער״ —
קוים דערציט זיין גאַנג;
און שטרויכלט אין זיין וועג,
וואָס ציט זיך אַזוי לאַנג . . .

האַרץ, מיין האַרץ,
דער טאָג צום ראַנד מיך ציט . . .
אויף דיר און מיר
די שקיעה־שיין שוין גליט . . .

איז לאָמיר אין דעם אָפגלאַנץ
די לעצטע שעה דערציען . .
און האָפן, אַז די נאַכט
וועט אויך מיט שטערן גליען . . .

פון קראַנקן בעט

ס'פּלאַטערט אין מיין קראַנקן־צימער
פון דער זון אַ שטראַלן־שימער —
גרוס פון וועלט, אין גאָלד־שיפּרירטן,
געשיקט צום איינזאַם־איזאָלירטן . . .

כ'וויל זיך זעצן וועלט באַגריסן,
נאָר עס פאַלט מיין קאָפּ צום קישן . . .
דאָך אויף פּנים, דינעם, בלייכן
וויגט זיך גאָלדיק־העלער צייכן . . .

ס'ווילט זיך אָט דעם ליבן צייכן
מיט מיין בלאַסער האַנט דערגרייכן
און מיט אַלע מיינע קרעפטן
זיך מיט וועלט און זון באַהעפטן . . .

האַלטן ברייט די אויגן אָפן,
ניט פאַרגעסן זיך אין שלאָפן —
נאָר מיט אַלע כוחות וועבן
בונטע טרוימען פאַרן לעבן . . .

אין וואַכקייט פון נאַכט

ניט איינמאָל אין נאַכטיקער שפּעטקייט,
ווען קאָפּ ליגט ניט רואיק אויף קישן,
דער אָנפאַל און דראַנג פון געדאַנקען,
טוט שלאָף פון די אויגן פאַרווישן.

ווערט חלל, אין נאַכטיקער שטילקייט,
אַ בינע מיט שוואַרצן פאַרצויגן,
און בילדער עס הויבן אָן שוועבן
פאַר וואַכע, צעעפנטע אויגן.

ווי פויגלען, אין סטאַיעס פאַרמירטע,
אין וואַנדער צו ווייטקייטן פליען.
די בילדער פון טעג אָפּגעלעבטע,
אין רייען זיי נעמען זיך ציען.

איך זע זיי אין העלע קאָלירן,
מיט אַלע די שאַרפסטע דעטאַלן;
ווי שומר פון עבר, עס וואָלט איצט
זיין טויער פאַרמאַכטן צעפּראַלן.

אָט גיי איך, פאַרטרויט אין מיין וואַנדער,
אויף לעבנס זיג-זאַגישע וועגן.
אָט שווים איך אין זילבערנע טייכן,
צו קילקייט פון גרין-ווייכע ברעגן.

אָט בין איך, אַליין, הינטער גראַטעס,
און וואַרף זיך אויף האַרטקייט פון נאַרע.
דער טאָג איז אַ פינצטער-באַטריבטער,
פאַרשלונגען די זון האָט אַ כמאַרע.

אָט הער איך געזאַנג דורך די פענצטער,
ס'ווערט ליכטיק אין פינצטערן מויער.
ס'האָט פרייהייט די קייטן צעריסן,
און עפנט פאַרריגלטן טויער.

ווי ס'וואָלט אַ מאַגנעט זיי געצויגן —
זיי קומען פון וויטן, די יאָרן,
וואָס האָבן מיט שערעלעך שאַרפע
די טעג פון מיין לעבן געשאָרן.

זיי קומען און ברענגען דעם ווייטיק,
פון אַלע אַמאָליקע פיינען,
זיי עכאָ'ן אַמאָליקע פריידן,
זיי זיסן — אַמאָליקע וויינען.

פון ערגעץ — אַ ווייכקייט באַרירט מיינע ברעמען.
פון ערגעץ — אַ צאַרטקייט צום שלאָף נעמט מיך וויגן.
אויף סטרונעס פון בענקשאַפט ווייבדירן אין שטילקייט,
די טענער פון אַלטן, געזונגענעם ניגון.

און דאָך! . . .

מיין שטאָלצער קאָפּ
הויבט־אָן זיך שוין צו בויגן.
מיין שאַרפער בליק
שוין טונקלט אין די אויגן.

די פלינקע פיס
איז שווער אַ טראָט דערוועקן.
זיי בענקען שוין
נאָך אָנשפּאַר פון אַ שטעקן . . .

און שווער ווערט מיר
מיט בוך זיך צו פאַרוויגן.
עס רופט דאָס בעט —
אַ וויילע דאָרט צו ליגן.

— קומט צו מיר —
איך וועל מיט ווייכן קישן,
פון דיין געביין
די מידקייט באַלד פאַרווישן.

און דאָך ! . . . וועל איך
אין לעבן אַלץ זיך קלאַמערן.
זיין אָטעם שפּירן
אויך דורך פאַרמאַכטע קאַמערן.

און בליקן וועט
מיין גייסט דער איינגעשפּאַרטער,
אָן אויפהער צו
דער טרוימען־וועלט געגאַרטער.

סיי טאָג, סיי נאַכט
מיט טרייקייט וועל איך לויערן,
ביז נייע וועלט
צעפּראַלן וועט די טויערן.

אויף ברייטן שליאַך
וועל איך מיט מחנות ציען
אַהין, אַהין
וואו גליק און פרידן בליען! . . .

אין שטילע מינוטן

ווי נעפּל געדיכטער
פאַרוועבט אין אַ שלייער
די ליכטיקע שטראַלן
און לאָזט זיי ניט גליען —

אַזוי טוט דער רעש
פון רוישיקן לעבן
פאַר פלי פון געדאַנקען —
אַ פאַרהאַנג פאַרציען.

דער טומל צעלייגט זיך
ווי בלייענע שווערקייט,
און שטערט דער מחשבה
אין ווייטקייט צו לויפן . . .

פון וויזיעס צעשטראַלטע
צעצונדענער אויפשוואונג,
ווי פייער פאַרשטיקטער,
ווערט אַש בלויז אַ הויפן . . .

דערפאַר טו איך בענטשן
די שטילע מינוטן,
וואָס קומען ווי אורחים
צו מיר אַזוי זעלטן.

זיי ברענגען מיר גרוסן
פון וואַנדער אויף וועגן;
פון ברייטקייטן פרישע,
צעשפרייטע, צעהעלטע.

דערציילט מיר, דערציילט מיר —
אַ, געסט, מיינע ליבע —
פון וועלטן וואָס ליגן
אין ווייטקייט פאַרבאָרגן;

און לאָזט מיר אין שטילקייט
פאַרנעמען די שורה,
וואָס פילט־אָן די רוימען
צום אָנקום פון מאָרגן.

ווען נאַכט וועט מיך באַפאַלן

ווען טאָג מיינער דער לעצטער
וועט האַלטן אין פאַרגיין;
מיין האַרץ מיט לעצטן ציטער
אָט־אָט וועט בלייבן שטיין . . .

וועל איך מיין בליק דעם לעצטן
צו זון אין הימל ווענדן:
זי זאָל מיט אירע שטראַלן
מיין בלאַסן פנים בלענדן.

עס זאָל דער העלער שלייער
פון שטראַליקע געוועבן —
פון פינצטערניש פאַרשטעלן
דעם אָפגאַנג פון מיין לעבן.

עס וועט מיר היימיש ווערן,
ווען פנים וועט דערשפירן
די וואַרעמקייט פון שטראַלן,
וואָס קומען מיך באַרירן.

מיך האָט מיין גאַנץ לעבן
צו ליכט פון זון געצויגן.
איך האָב מיט אויגן דאָרשטיקע —
איר פרעכטיק שיין געזויגן.

אָפט קעגן חושך־הערשאַפט
האָב איך אַ קאַמף פאַרבונדן;
אינמיטן נאַכט פון שרעקן —
אַ שייטער, פלאַמיקן געצונדן.

געבענטשט די הימלען ליכטיקע,
וואָס וויקלען ערד מיט פריידן.
וועט לייכט זיין רגע אַנגסטיקע —
ווען ליכט וועט מיך באַקליידן.

די ליבע וואָס מיך רינגלט,
דער גלעט פון זונען־שטראַלן —
וועט מיך צום שלאָף פאַרוויגן,
ווען נאַכט וועט מיך באַפאַלן . . .

אויפ׳ן וואָגשאָל

מיין האַרץ האָט מיט ציטער
געמורמלט אַ ניגון;
אין הילפלאָזער שוואַכקייט —
געוואָלט מיך פאַרוויגן . . .

געזוכט האָב איך אָנהאַלט
אין הויזיקע ווענט;
ווי צום פאַרטוך דער מאַמעס —
געצויגן די הענט . . .

אַ שטול, האָט מיט מיטלייד
געבעטן מיך זיצן;
מיט ווייכקייט באַרואיקט
פון ציינער דאָס קריצן . . .

איז מילדער געוואָרן
פון נערוון דער קראַמף;
פאַר לעבן געוואונען —
אַ „רונדע" אין קאַמף . . .

כאָטש פאַמעלעך — דאָס האַרץ
גייט אין ריטמישן גאַנג . . .
דער פאַרהאַנג פאַרהויבן —
צו שפילן . . . ווי לאַנג?

אין שטילקייט פון אָוונט —
צום דרויסן עס ציט;
צו שטילן דעם אומרו,
וואָס שווערט מיין געמיט.

פאַרלאָז איך אַ ווײַלע
די הייסקייט פון בעט . . .
זאָל ווינטעלע קילער
מיך געבן אַ גלעט.

פאַרנעמען דעם אָטעם
פון אייגענער שטאָט,
דעם היימישן אָפּקלאַנג
פון מענטשנ׳ס אַ טראָט . . .

און ווידער מיט הימל
און ערד זיך פאַרבינדן;
ווייל ס׳לייכט נאָך לבנה,
און שטערן זיך צינדן . . .

אָט גיט זיך אַ שטערן
אַ שטראַליקן גליטש;
אין הימלישער בלויקייט —
צעשפּיזט זיך אַ בליץ . . .

די שיינקייט פון לעבן
מיין וועזן דערפילט;
די שווערקייט ווערט גרינגער;
דער אומרו — פאַרשטילט.

מיט זון־שיין עס וועלן
די טעג זיך נאָך ציען . . .
און נעכט וועלן טרוימען
מיט וואונדער צעבליען . . .

אין שלייער פון שאָטנס

אויגן מיינע, פריינט געטרייע,
וועג-ווייזער פון מיינע יאָרן —
מיין געמיט האָט איר געשפּיגלט:
אומעט, פרייד, זאָרג און צאָרן.

אייער וואונדערלעכע פּריזמע
האָט צעעפנט פאַר מיר וועלטן,
האָט געשפּרייט פאַר מיר אַ וויזיע
פון אַ לעבן — זון-באַהעלטן.

דעם בראשית פון דעם אָדם,
זיין געדאַנק׳ס — די ערשטע הויכונג,
ביז דעם לעצטן העכסטן שטאַפּל
אויף זיין לייטער פון דערגרייכונג.

אייער ליכט-שנור האָט געפירט מיך
דאָס דערקענען, דאָס דערשפּירן,
און באַטרעטן יענע וועגן,
וואָס צו הויכקייטן דערפירן.

זיינען יאָרן שוין פאַרלאָפן,
דורכגעוועבט מיט קאַמף און טרוימען;
זיינט איר מיד שוין מיך באַגלייטן —
און איר ווילט די פריינטשאַפט צוימען.

האָט איר פינקל אויסגעלאָשן,
און פאַרשטעלט דעם פאַרבן-בויגן;
און מיט שאָטנס, טונקעלע און כמורנע,
ווי אַ שלייער, דאָרט פאַרצויגן.

פריינט מיינע, ליבע און געטרייע —
האַלט זיך אָפּ מיך צו פאַרלאָזן!
לאָזט מיך זען — דאָס שוואַרץ פון שורות,
לאָזט מיך זען — דאָס גרין פון גראָזן.

ווי מיין מאַמע, אַזוי צערטלעך
איר פאַרשפּילט האָט מיך אין וויגל . .
ווי זשע קענט איר איצט צעברעכן
מיינע אויסגעשפּרייטע פליגל?

פריינט געטרייע, לאָמיר ווייטער
פליען צו די בלויע הויכן . . .
ביז די זון באַם ראַנד פון מערב,
וועט אין שאָטנס נעמען טויכן . . .

וועט מיין האַרץ, אין שטילער שקיעה,
מער ניט שטורמען, מער ניט קלעמען . . .
און אויך איר וועט שלאָפן רואיק —
הינטער צוגעמאַכטע ברעמען . . .

מיין געלעגער

עס טרעפט, אַז מיין בעט
מיט וואַרעמקייט מיך גלעט,
ווי ס׳וואָלט לאַנג אויף מיר געוואַרט
און טוליעט מיך אי ווייך אי צאַרט.

די קישנס — ווייסע טויבן,
וואָס וואַרקן שטיל, מיין שלאָף ניט רויבן,
און אָט, פאַרמאַכט די וועלט די טיר . . .
עס קומט אין רו דער שלאָף צו מיר.

ער פרישט די גלידער ווי דער טוי
די גראָזן, אין דעם מאָרגן-גרוי;
מיט ווייכע טריט שפּאַצירט די נאַכט,
ווי שומר טרייער — מיך באַוואַכט.

נאָר אָפטער אין מיין בעט
אָט ווי אַ הינער-פּלעט.
ניט איך שלאָף, ניט איך וואַך.
איך ליג אין זאָרגן-דאָרשט פאַרשמאַכט.

עס ווערט דאָס בעט אי האַרט, אי קאַלט.
פאַרשטאַרט איך קוק אין נאַכט׳ס געשטאַלט
און יעדער פעדער לאָזט מיר וויסן —
אַ וואו זיין שפּיץ איז אין דעם קישן . . .

מיין האַרץ איז אומרואיק און פלאַטערט.
מיין קאָפּ — פון שווערקייט איז פאַרמאַטערט.
אַן אָדערל צעוואָרפט זיך אַהער־אַהין . . .
און גאַר מיין שלאָף, ווי גלאָז איז דין . . .

די נאַכט איז לאַנג,
דעם זייגער׳ס קלאַנג —
מיך רייצט, ווי בייזער ברומען . . .
און נאַר איך גאַר: אָ, זאָל דער טאָג שוין קומען! . . .

פ ר י י ד

אויף יענער זייט פענצטער
אַ רחבות צעשפּרייט זיך;
מיט אָטעם פון פרילינג
דער דרויסן דערפרייט זיך.

אויף נאַקעטע בוימער
די פויגלען נאָך שווייגן;
דאָך פילט זיך שוין לעבן
אין וויג פון די צווייגן.

אַ גרעזעלע ליגט נאָך
מיט קילקייט באַלאָדן;
דאָך, גרינקייט שוין מינטערט
די פרישקייט פון באָדן.

עס איז נאָך ניט בלענדיק
דער זוניקער שימער;

דאָך שפּאַרט זיך דורך שויבן
אַ העלקייט אין צימער.

דער טונקעל פון אומעט
פאַרקריכט אין די ווינקלען;
אַ פריידיקן אָגזאָג
די שטראַלן צעפינקלען.

איך זעץ זיך פאַמעלעך
אין בעט אין דעם וייכן;
און ס׳ציט מיין אָרעם —
אַ בלייער דערגרייכן.

מיט פינגער מיט שוואַכע,
מיין פרייד צו באַשרייבן:
אַז אָט וועל איך ווידער
מיט זון־ליכט פאַרבלייבן.

אַ שטילער האַנט־דרוק

באַהויכט פון פריינטשאַפט לעבנס-אָטעם,
מיך גריסן בלומען, פרוכט און ביכער —
ווי ס'וואָלט אַ פליסטער פון זיי קומען:
אָ, חבר, ווער געזונט וואָס גיכער . . .

עס טראָגן היילונג מיר די בלומען,
די זאַפט פון פרוכט, פון בוך די ווערטער —
ווי ס'וואָלט אַ חבר'ס האַנט אַ וואַרעמע
געגלעט מיין האַרץ, פון קראַמפן די צעשטערטע.

די נאַכט מיט אירע שאָטנס שוואַרצע —
זיי קענען מיך שוין מער ניט שרעקן . . .
איך זע דורך חושך, ווי די מאָרגן-שטראַלן
פון שלאָף, מיט שימער, זיך שוין וועקן . . .

עס קלאַפּט מיין האַרץ, אומזיכערדיקע פולסן,
און שוואַך די בלוטן אין אָדער-שטראָם זיך טראָגן;
דאָך מונטער רעגט אין אַלע מיינע גלידער
די פרישקייט פון ליכטיקע פאַרטאָגן.

די נאַכט פאַרשווינדט, אין ווייטקייטן באַהאַלטן;
דער טאָג — מיט שטראַלן פריילעכע טוט שפּילן . . .
און אין מיין צימער — שלוחים פליסטערן מיט ברכה.
איך פיל אַ האַנט-דרוק, אַ חבר'שן און שטילן . . .

צופלוס און אָפפלוס

ווי ים׳יקע כוואַליעס
אַרויף און אַראָפ —
עס האָבן געוויגט זיך
די האָר אויף מיין קאָפ.

מיט גלאַנציקער שוואַרצקייט,
מיט שפע־געדיכטקייט —
זיי האָבן געשלענגלט
אַרום מיין געזיכט.

ווי באַרגיקע שומרים
וואָס היטן דעם ים —
די ברעמען געדיכטע
פאַרמירט האָבן צאַם.

באַם מיטן פון שטערן
אַן אָפשטעל פאַראַן;
ביז דאָרט זיך כוואַליעט,
און בלויז נאָר: עד־כאן . . .

פון ווינטן געשויבערט,
זיי האָבן אַ קלאַנג —
געוויגט זיך אויף שטאַמען
ווי פעלדיקער זאַנג.

און שטיפעריש־שעלמיש
זיי האָבן געקרויזט
מיט ריטם פון הארצן
וואָס האָט זיך צעברויזט.

זיי האָבן געשטילט זיך
מיט טראַכט פון געדאַנק;
זיי האָבן געוויגט זיך
מיט גלעטן־געשאַנק.

און פאַסמעס פון רעגונג
געוואָרן געוועקט —
ווען ס׳האָבן די קושן
מיין שטערן באַדעקט.

נאָר כוואַליעס, זיי שטיפן
שוין מער נישט פאַרשייט.
מיט רוק פון די יאָרן,
מיט שווינד פון דער צייט.

עס האָט זיך דער גרענעץ
אין ווייטקייט צעשפרייט;
אַ פלאַכקייט, אַ גלאַטע —
פאַרנעמט זיך גאַנץ ברייט.

ווי זאַמדיקער שטח
פון ים׳יקן ברעג,
צו וועלכן אַ כוואַליע
שוין זוכט ניט קיין וועג.

פון שוואַרצקייט געוואָרן
אַ גרויקייט פון שטאָל,
ווי ס׳בייט זיך אין געלקייט
דאָס גרין פון אַמאָל.

אַ הארבסטיקער גאָרטן
מיט ליידיקער בייט,
וואָס האָט זיך מיט זומער
אין בענקשאַפט געשיידט.

און חלומ׳ט פון קילקייט
פון טוי אין דער פרי,
און טאָגיקער בלענדקייט
פון זוניקן גלי.

אויף וועגן פון וואַנדער

(זכרונות)

אויף וועגן פון וואַנדער,
אויף שליאַכן, אויף ברייטע.
די טעג פון מיין יוגנט,
דאָרט ליגן פאַרזייטע.

עס האָבן מיך פעלדער
געגריסט ווי באַקאַנטע;
און ווינטלעך געמונטערט
מיין טראָט דעם געשפּאַנטן.

עס האָבן מיך בוימער
אין זוניקע שעה'ן,
פאַרבעטן אין שאָטן
אַ ווײַלע צו רוען.

און שטיינער, און גראָזן
באַשיצטע פון היצן.
זיי האָבן געוואונקען,
געלאַדן: קום זיצן . . .

ס'איז פריילעך דער וואַנדער,
כאָטש, טרוקן דער גומען,
ווען פייגעלעך זינגען,
ווען פליגעלעך זשומען.

און ווען ס'איז שוין שפּעטלעך,
אַ ישוב צו גרייכן —
לייגט וואַלד מיך שלאָפן
אין מאָך, אין דעם ווייכן.

פאַרטאָג, אַז איך עפן
די אויגן פון דרעמלען,
מיט לויטערער בלויקייט
עס שמייכלען די הימלען.

די וואַרעמע שטראַלן,
ווי מאַמע'שע פינגער —
די מידקייט פאַרגלעטן,
און אויפשטיין ווערט גרינגער . . .

די מונטערע שפּרייזן
די מיילן פאַרשלינגען;
עס הערט זיך שוין דייטלעך
פון גלעקער אַ קלינגען.

און אָט, אויף די רוקנס
פון בערג, אין דער ווייטן —
אַ שטאָט ווערט צעוויקלט
מיט טומל פאַרשייטן.

עס הויבן זיך הייזער
מיט בלעכערנע דעכער;
נאָר צלמים פון קלויסטערס,
זיי שפּאַרן נאָך העכער.

עס זעט זיך אַ מויער
אַ מאָדנער, אַ לאַנגער;
מיט קוימענס, מיט שוואַרצע
און הויכע ווי שטאַנגען.

אָ, שטאָט, ווי דו כישופ'סט
אין פרישן פרימאָרגן!
נאָר אונטער דיין כישוף
וואָס האַלטסטו פאַרבאָרגן?

צו דיר — מיינע אויגן
פאַרוואונדערט זיך ציען;
צו דיר — גייט מיין יוגנט
מיט טרוימען וואָס בליען.

קומט, ליבע געסט!

זכרונות אַנצאָליקע
פון יאָרן אַמאָליקע,
מיט בילדער צעשפּיגלטע,
אין ווינקלען פאַרריגלטע —
צו האַרץ מיינס זיי זוכן אַ וועג.
זיי וועקן זיך,
זיי שטרעקן זיך,

איז קומט-זשע איר, טייערע,
און ברענגט מיר די פייערן
פון שייטערס צעצונדענע,
אין יאָרן פאַרשוואונדענע;
די פונקען וואָס גליען נאָך —
זיי וועלן דערוואַרעמען מיין גאַנג.

זיי ווילן מיט גאַרונגען,
מיט טיפע דערפאַרונגען
פון לעבן פאַרשריבענע,
ביז איצט נאָך פאַרבליבענע —
דערמונטערן,
צעצונטערן
די מידע פאַרעלטערטע טעג.

ברענגט טענער צעקלונגענע
אין רוימען צעשוואונגענע;
ברענגט פאַנען צעהאנגענע
אין יאָרן פאַרגאַנגענע —
וואָס ווערן דערפרישנדיק,
אַלטקייט פאַרווישנדיק —
מיין ליד אין באַנייטן געזאַנג.

מיין ניט-געזונגען ליד

מיין ניט-געזונגען ליד —
דו ביסט דאָס ליד פון לידער!
דו טויכסט אין טיפקייט פון געדאַנק
און ווייזט זיך, אַ באַשטראַלטע, ווידער.

אָט ווי אַ נימפע, דו דערשיינסט,
מיט כישוף-פּראַכט צעצונדן.
נאָר ווען מיין האַרץ צעצאַפּלט זיך —
ווערסט פּלוצים שוין פאַרשוואונדן . . .

און אַ פאַרבענקטער זוך איך דיך,
וואו קען איך דיך געפינען?
פאַרשטיין פון חלום דעם באַשייד —
אָט דעם, וואָס דו ווילסט שפּינען . . .

איך פיל באַ זיך אין האַרץ
דיין אוצר שעמערירן . . .
איך וויל זיין אָפּגלאַנץ זען,
זיין הייסן גלי דערשפּירן . . .

און מיט מיין קלאָרן וואָרט
די סודות דעשיפרירן . . .
דאָס ליכט, וואָס איז פאַרהוילן
זאָל מענטש און וועלט באַרירן . . .

איך פיל דיין נייעם ניגון
אויף נייע סטרונעס ציטערט . . .
איך הער אים דאָך, ניט דייטלעך —
און בלייב אין פיין פאַרביטערט . . .

מיין שטאַמען־בוים

אַמאָל, אַמאָל — מיין ברודערס האַנט
האָב איך אין מיינער היים געפילט . . .
אַמאָל, אַמאָל — האָט ברודערס בליק
מיט פונקען ליכטיקע געשפילט . . .

אַמאָל, אַמאָל — האָט אַ וויט אָרט
פאַרבונדן זיך מיט בריק פון וואָרט . .
און וואַרעמער געפילן שטראָם —
דערגרייכט האָט, איבער טיפסטן תהום . . .

פאַרוועבט איז דער אַמאָל אין טרוים . . .
ס'האָט דאַן געבליט משפחה־בוים . . .
און וואָרצלען פון דעם זאַפטיק־שטאַם —
האָבן צווייג גענערט, האָבן פרוכט באַ'טעמ'ט . . .

געבליבן איז פון אַט־דעם טרוים —
ווי פון כוואַליע — בלויז דער שוים . . .
דער העקער האָט מיט שאַרף פון האַק
אַ צווייג נאָך צווייג . . . געהאַקט . . .

בלויז צוויי, פאַר'יתומ'טע, געלאָזן . . .
זאָלן ווינטן אויף זיי בלאָזן;
זאָלן קעלטן זיי פאַרפרירן;
זאָלן שטורעמס זיי פאַרווירן . . .

צווײ צווײַגן — ווי אויסגעשטרעקטע אָרעמס —
צעשפּרייט צו צפון און צו דרום . . .
ווי אייגזאַמע צווײ וועלטן —
צעטײלט פון ווינטן און פון קעלטן . . .

פון גרויסן, שטאָלצן שטאַמען-בוים —
אַ זכר איז געבליבן קוים . . .
— צווײ צווײַגן, אָבל'דיק און שטום,
וואָס וויגן זיך אין ווינטיקן געברום . . .

צו דעם משפּט פון די יאָרן

איך שיק אַן עמער טיף
אין ברונעם פון זכרון,
און שעפּ פון דאָרט אַרויס
די יונג-געלעבטע יאָרן.

און ווידער פינקלען ריין
די קלאָרע טראָפּנס — טעג,
ווי זאַפּטיק-קילער טוי
אויף יונגן לעבנס-וועג.

איך קוק אויף זיי פאַרטראַכט,
מײַן האַרץ אין מיר נעמט קלעמען —
צי וועט מײַן לעבן היינט
אַט-יענעם ניט פאַרשעמען?

אַט יענעם שוואונג צו ליכט,
וואָס האָט מיך דאַן באַפליגלט —
צי האָב איך דורך דער צייט
אין ענגע ווענט פאַרזיגלט?

צי יענער קאַמף פאַר פרייהייט,
וואָס דאַן געווען איז טייער,
איז איצטער בלויז פאַרבליבן
אַן אויסגעלאָשן פייער?

און ציטערדיק איך וועג
און מעסט דעם שפּאַן פון יאָרן:
מיר דוכט, מיט פרייד, איך האָב
דעם המשך ניט פאַרלאָרן.

מיין היינט און מיין אַמאָל —
זיי זיינען ניט דערווייטערט.
עס איז נאָך, דורך דערפאַרונג,
מיין גלויבן מער געלייטערט.

און גרייט בין איך אויך היינט
די פאָן פאָראויס צו טראָגן
און צינדן שייטערס אין דער נאַכט —
ביז אָנפאַנגען וועט טאָגן.

דער ווייַן פון די יאָרן

אין ערדענעם קרוג פון מיין חומר
מיין גייסט ווערט געצייטיקט ווי ווייַן;
דאָרט יוירן, מיט זאַפטיקער שטאַרקייט
די טרויבן פון פרייד און פון פּיין.

די יאָרן, ווי הייטלעך ווי דינע,
זיך שיילן און פאַלן אַוועק;
זיי בלייבן אין שיכטן געדיכטע
אין חומר׳שן קרוג אויפן דעק.

די שאָלעכץ איז דאָך ניט דער תמצית
פון טרויבן פול-בלוטיק און רויט;
מיט טערפּקע און דופטיקע זאַפטן
איז פול געוועזן לאָגל פון הויט.

פון יעטווידער שעה אָפּגעלעבטער
מיין גייסט ציט ירושה-פאַרמעג;
און יאָרן געלאָזט האָבן שפּורן
אויף יעדן עטאַפּ פון מיין וועג.

געשפּילט האָבן זאַפטן פון לעבן
אין קאַמפן, אין ליכטיקן גאַנג;
און גייסט, ווי אַ שוואָם האָט געטרונקען
מיט דאָרשט יעדן פרייען געדאַנק.

ליגן יאָרן אין שיכטן געטוליעט
פון גאַנג פון דעם שווערן פאַרשלאָפּט;
נאָר אויבן געלייטערט, צעפינקלט —
מיט שאַרפקייט עס שפּילט זייער זאַפט.

איז טרינק איך דעם זאַפט פון די יאָרן,
און פרישקייט דערקוויקט יעדן גליד;
ווער זאָגט עס, אַז יאָרן דערשעפּן?
ווער זאָגט עס, אַז עלטער מאַכט מיד?

איך שפּאַן נאָך אין טראָט מיט דער יוגנט
צום אָנקום פון פרישן קאַיאָר;
צו זען, ווי מיין חלום צעבליט זיך
מיט פלאַמיקע פאַרבן פון וואָר.

די שורות פון מיין ליד

די שורה, די ערשטע
אויף ווייסן פּאַפּיר —
איז פּונקט ווי אַ שליסל
וואָס עפנט אַ טיר.

געשליסלטע ווערטער
פון פינקטלעכער מאָס —
זיי הויבן דעם ריגל,
וואָס זיגלט דעם שלאָס.

ווערט אָפן אַריינגאַנג
צום הויז פון געדאַנק;
און פריי נעמט זיך שפּרייטן —
פון האַרץ — דאָס געזאַנג.

און שורה נאָך שורה
דערציילט, וואָס איך טראַכט;
און אָטעמט מיט ריטם
פון האַרץ, וואָס דערוואַכט.

צעזינגט זיך אַ שורה —
פון ליכטיקער פרייד;
צעשרייט זיך אַ שורה —
פון פּיין און פון לייד.

צעפאַרבט זיך אַ שורה:
אַ האָפענונג צעבליט . . .
צעבענקט זיך אַ שורה:
אַ חלום פאַרפליט . . .

אַמאָל־גאָר, פאַרצייכנט
מיין פּען אין איר געזאַנג —
די נעכט מיינע וואַכע,
וואָס ציען זיך לאַנג.

עס טרעפט אויך דורך שורות,
די שוואַרצע פון טינט —
עס טראָגט זיך דאָס רוישן
פון ברויזיקן ווינט . . .

אַט ציען זיך שורות,
ווי פויגלען אין פלי —
צו לענדער צו ווייטע,
וואו די זון איז אין גלי . . .

אַזוי־אַט דורך שורות
געקריצט אויף פּאַפּיר —
דערצייל איך פון לעבן,
וואָס רעגט זיך אין מיר.

מיט מײַן פאָלק

דער בונד מיט מײַן פאָלק

עס בינדט צו מיין פאָלק מיך
מיט פעדים פון גלויבן
אין הימל מיסטעריעס,
וואָס וועבן זיך אויבן . . .

זיי זיינען אַ בינטל
עקזאָטישע פאַרבן,
פון אור־אַלט פאַרבליבן
פאַר מיר עס צו אַרבן.

אין פאָלקישער זאַמלונג
פון דורות און צייטן
זיי זיינען א זכר
פון עבר פון ווייטן.

ס'איז זאַפט פון די וואָרצלען
פון אידישע שטאַמען,
וואָס איך האָב געזויגן
מיט מילך פון מיין מאַמען.

ס'איז האַרציקע ווייכקייט
פון אידישן ניגון,
וואָס פלעגט אין מיין קינדהייט
צום שלאָף מיך פאַרוויגן.

זיי האָבן די וועגן
צום האַרצן געפונען
און מיך אין די דורות
פון פאָלק איינגעשפונען.

ווי זריעה פון בלומען,
וואָס דאַרף ערשט צעבליען,
ווי פליגלען, וואָס דאַרפן
ערשט וואַקסן צום פליען.

און איך האָב געטרונקען
מיין פאָלקס אַלע וויינען
געלעבט מיט זיין ציטער
פון פריידן און פיינען.

איז אַט האָבן קנאָספן
מיט פאַרבן דערפרייט זיך,
און פליגלען אין בלאָקייט
פון הימלען צעשפרייט זיך.

עס ציען פאַר מיר זיך
די וועגן, די לאַנגע,
אויף וועלכן מיין פאָלק איז
דורך דורות געגאַנגען.

מצרים, אין קנעכטשאַפט
פאַר הונדערטער יאָרן.
דאָך פאָלק האָט זיין גלויבן,
זיין מוט ניט פאַרלוירן.

און אָט, ברענען קאַמפן;
צעשמעטערט ווערט פרעה.
מיין פאָלק צווינגט געשיכטע
אים מאַכן א וואָרע!

און פעלקער משפּחה
מיט הייסע באַגערן.
ער ווירקט, זיינע טרוימען
זאָל ווירקלעכקייט ווערן!

געגאַנגען מיט אימפּעט,
אויף אייגענע וועגן,
דער יונגלינג פון פעלקער
דער צוקונפט אַנטקעגן.

וואָס ווייטער זיין גאַנג איז,
אַלץ טיפער די שפּורן,
וואָס ער האָט געלאָזן
אין פעלקער קולטורן.

זיי בלייבן פאַראייביקט.
ניט בלוט און ניט פייער —
עס קענען פאַרמעקן
זיין גרויסן צושטייער.

איך טראָג די ירושה
מיט גרויס דרך־ארץ;
פון עמוס דעם פּאַסטוך
ביז פלאַמיקן פּרץ.

פון דורות ביז איצטער
די שאַפונג צעבליטע —
איך טראָג אין מיין הארצן
ווי אוצרות פאַרהיטע.

דער אוצר וועט צוקונפט
דער ווייטסטער דערגרייכן.
זיין גלאַנץ אין מיין נאכשטאַם
וועט קיינמאָל פאַרבלייכן.

„מיין לידיטשע"

„אין פּוכאָוויטש, ניט ווייט פון מינסק, האָבן די נאַצים, אויף קלויסטער־פּלאַץ, אויסגעשאָסן דריי טויזנט אידישע משפּחות. בלויז 90 זיינען פאַרבליבן" — פון די צייטונגען, אַפּריל 1943.

אויך דו, מיין שטעטעלע פּוכאָוויטש —
האָסט בעכער־בלוטיקן ניט אויסגעמיטן.
דער נאַצי־מאָנסטער האָט דיין גאַנצע עדה
מיט מערדער־האַנט ביז וואָרצל אויסגעשניטן.

אויף קלויסטער פּלאַץ דעם ברייטן —
איר אַלע ליגט צעשאָסן און צעטראָטן!
דער געלער זאַמד פון קלויסטער בערגל
מיט אייער בלוט אויסגעקנאָטן.

איצט ברענגען איוב־בשורות אַלע בייזע ווינטן.
די וועלט אין טויזנטער שטיקער ווערט צעריסן.
אין ים דעם בלוטיקן פון נאַצי־שחיטות —
פון אַלע פעלקער שטראָמען פליסן.

נאָר אונזער בראָך איז ביטערסטער און גרעסער!
אָ, האַרץ מיינס, גיב מיר מוט און גיב מיר כוח;
צו קענען מיט מיינע ברענענדיקע בליקן
באַנעמען דעם גרויל פון מיין שטעטעלעס מזבח!

זיי האָבן דאָך זיך צעוואַקסן פון מיין שטעטעלעס מזבח!
פון ניי סאָוועטיש לעבן — צעשפּרייט זיך אַ צעבליטע.
האָט נאַצי אין קללות פאַרוואַנדלט אָט־די ברכות.
און שנים געוועזן איז גרעסער, און בלוטיקער — די שחיטה!

די „סווישלאַטש”, די קינדערס פרישע טייכל,
האָט מער ניט וועמעס קערפּערלעך צו גלעטן . . .
און צווישן אַלטע ווייַנענדיקע ווערבעס —
זי פליסט אַ שטומע אין די פלאַכע בעטן.

די צוויי בית־עולמ׳ס באַ דעם ראַנד פון שטעטל —
זיי דאַרפן מער קיין צוים שוין נישט האָבן . . .
אויפן מאַרק און אַרום דעם קלויסטער —
דאָרט ליגט מיין שטעטעלע באַגראָבן.

בלויז אַלטער וואַלד פון וויטן איז פאַרטייעט.
ער טראָגט אין זיך אַ טיפן סוד באַהאַלטן.
עס רודערט זיך אַ לעבן אין זיין טיפקייט
מיט פיבערדיקן ברויזן פון געשטאַלטן.

דאָרט זאַמלען זיך די קרעפטן פון סאָוועטיש לעבן,
וואָס דאַרשטן נאָך נקמה פון נאַצי חיה־רעה;
זיי וועלן זי דערווערגן; זיי וועלן זי פאַרניכטן,
ווען קומען וועט די גרויסע, די געגאַרטע שעה!

מיין שטעטעלע, פון טויזנטער לידיטשעס — ביסט איינע.
דיין לעצטן אַנגסט־געשריי פון אויסגעלאָשן לעבן
וועט צינדן אונזער בלוט, וועט אונזער ווילן שמידן:
די נאַצים קיינמאָל ניט פאַרגעסן!
און קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעבן!

אין הייליקער שטילקייט

(געווידמעט רבקה'ן, מיין שוועסטער)

ס'איז שטיל אין מיין צימער —
זאָל שטילער נאָך ווערן:
מיין פּיין און מיין צער
זאָל קיינער ניט שטערן.

אַזוי, אין דער שטילקייט,
זאָל ווייטיק מיך נאָגן:
די אויגן — אָן טרערן,
די שטימע — אָן קלאָגן.

אַזוי־אָ, פאַרגליווערט
אין צימער אין שטילן,
אין שוואַרצע געוועבן
זאָל טרויער מיך הילן.

אַזוי־אָ, מיין שוועסטער —
אין אומעט אין שווערן
וועט ברודער מיט ציטער
דיין אָנדענק איצט ערן.

איך ווייס דאָך ניט, שוועסטער,
ווען ליכט נאָך דיר צינדן —
און וואו איז דיין קבר,
וואָס האַרץ מיינס זאָל בינדן.

אַז נאַצי־רוצח
דעם מאָרד און די גרוילן
פאַרווישט האָט מיט פייער,
מיט רויכיקע קנוילן.

דיין אָטעם דעם לעצטן
האָט וואָלקן פאַרטראָגן,
און ווינטן פאַרשלונגען
עס האָבן דיין קלאָגן.

איז ווייס איך, מיין שוועסטער,
דו דאַרפסט ניט דערמאָנען,
אַז דו האָסט דעם גורל
געטיילט פון מיליאָנען;

אַז פאָלק מיינס געפירט האָט
דער נאַצי צו שחיטה,
און דו ביסט ניט איינע
געוואָרן פאַרשניטן.

איך ווייס עס, מיין שוועסטער,
די וואונד איז נאָך אָפן,
זי גיט מיר קיין רו ניט,
זי לאָזט מיך ניט שלאָפן.

מיין פאָלק איז ניט זיכער
פון גרוילן, פון שרעקן —
ביז וועלט וועט דעם זכר
פון נאַצי פאַרמעקן.

ביז וועלט וועט ניט זען מער
קיין שטעט קיין פאַרוויסטע,
און בלוטן פון פעלקער
פאַרגאָסן אומזיסטע.

איז ווייס איך, מיין שוועסטער
דיין טויט איז פאַרבונדן
מיט צער פון מיין אומה,
מיט פאָלקישע וואונדן.

דאָך, רבקה געטרייע,
ביסטו דאָך בלויז איינע —
מיין שוועסטער, מיין ליבע —
געטויט האָט דער שונא.

דערפאַר ווייל איך שטילקייט
אין צימער זאָל שוועבן.
איך וויל זיך אין טרויער
מיט שוועסטער פאַרוועבן.

ס'איז היינטיקער אָוונט
מיין שוועסטערס אינגאַנצן —
איר הייליקן אָנדענק
אין האַרץ צו פאַרפלאַנצן.

אָט שטייט זי, מיין רבקה,
די שטילע, די גוטע —
קום, וואוין אין מיין האַרצן
און שלאָף אַ באַרוטע.

איז שטילער און שטילער
אין צימער זאָל ווערן —
די הייליקע שטילקייט
זאָל קיינער ניט שטערן . . .

ס'וועט קומען אַ פרילינג

ניט איצטער, ניט איצטער,
קען איך זיך פאַרגינען
באַזינגען דעם פרילינג,
אַ ליד אים צו שפינען.

צו גלעטן די גרינקייט
פון גראָזן מיט בליקן,
צו לאָזן די דופטן
פון בלומען מיך קוויקן.

ווי קען איך צו בליאונג
איצט זינגען אַ שירה
און לויבן די שפּראָצונג
פון פרישער יצירה?

ווען בלומען און גראָזן
אויך ציען יניקה
פון ערד, וואו דער זאַפט איז
פון קינדער־דערשטיקטע?

פון ערד, וואָס באַדעקט איז
מיט אַש פון פאַרברענטע,
באַמיסטיקט מיט ביינער
פון קדושים פאַרלענדטע?

מיין טראָציק אַרויסרוף
צו גראָזן, צו בליטן:
מיין פאָלק וועט נאָך בליען,
כאָטש איצט — איז פאַרשניטן

ווי טוי, וואָס ברענגט לעבן
פאַרוויאַנעטע בלומען,
וועט קומען אַ פרילינג
באַלעבן מיין אומה.

מיר וועלן פאַרווישן
די חרפה פון דורות,
פון בלוטיקער שנאָה
די גיפטיקע פירות.

די קדושים — מאַרטירער
מיר וועלן דערמאָנען,
ווען שטאָלץ מיר מאַרשירן
מיט זיגרייכע פאָנען.

און אויב ס'איז מיין זכיה
דעם פרילינג דערלעבן
פאַר נייעם בראשית
מיין ליד וועל איך וועבן.

כוואַליעס פון בירע דערציילן

(צום 16־טן יובילײ פון דער אידישער
אויטאָנאָמער געגנט ביראָ־בידזשאַן)

באַ כינגאַנער בערג,
צווישן טאַיגע־ברעגן,
פליסט דער בירע־טייך
דורך דער אידישער געגנט.

ניײע כוחות האָבן
אידן שוין דערשפירט
אין די אויסגעשפרייטע
פעלדער פון קאָלווירט.

ברענגט געהיליך צו בויען
שטעט — מיט אידיש שוויים;
און די פישער טראָגט זי
שפע אין איר שוים.

אַקערן און זייען
זייט־באַ־זייט אין פרידן —
אין סאָוועטן־בונד
אויפגעריכטע אידן . . .

כוואַליעס שטיל דערציילן:
פעלדער שוין אין בלי;
נייער אידיש לעבן,
זאַטע פרוכט פון מי.

בליט די אידישע געגנט
אויף דעם מזרח־ראַנד
אונטער ווארעם פליגל
פון סאָוועטן־לאַנד.

באַ די ברעגן טאַנצן
קינדערלעך אין פרייד;
זאַרגלאָז זייער היינט,
מאָרגן איז געגרייט.

גרייט באַשיצן פרידן,
היימלאַנדס פריי געצעלט —
ברענגען דעם געגאַרטן
גליק פאַר גאָר דער וועלט.

הינטער גלעזערנע גראַטעס

אַ שראַנק פול מיט ביכער
דאָס צימער באַצירט;
נאָר זעלטן די ביכער
אַ האַנט ווען באַרירט.

עס דוכט זיך, אַט פליסטערט
אַ בוך צו אַ בוך:
ס'איז קאַלט דאָ . . . דורך בלעטער
עס גייט דורך, אַ סקרוך . . .

דער שראַנק איז אַ תפיסה —
וואו בוך איז פאַרשפאַרט;
די שרייבער זיך טוליען
אין אומעט באַ'צער'ט . . .

מיר ווערן פאַרוויאַנעט
ווי האַרבסטיקער גראָז,
אַ הינטער די גראַטעס
פון דורכזיכטיק גלאָז . . .

האָט בוך שוין קיין גואל,
קיין פריינט שוין ניט מער?
פאַר וואָסערע מעשים —
די שטראָף אַזוי שווער?

נאָר אַט האָט מיט צאָרן,
אַזוי ווי אַ דיכטער,
אויף זיי זיך צעבייזערט
דאָס בוך פון אַ דיכטער:

ניט מיינט, אַז איר אַלע
זענט ריין דאָ פון זינד;
דער גורל געפאַלן
אויף אונז, איז ניט בלינד . . .

ס'איז גאָר אַ גערעכטער
דער מענטש, וואָס זיין האַנט
האָט אונז אין דער תפיסה
געשטעלט באַ דער וואַנט;

עס האָט אונזער שאַפונג
זיין אום־חן פאַרדינט,
ווייל ניט זייַנע טרוימען
מיר האָבן געשפינט.

אין שאַפן געשפיגלט —
מיר האָבן בלויז זיך . . .
געפוצט בלויז דעם נעכטנ'ס
צעטראָגענע שיך . . .

נאָסטאַלגיש גע'חלומ'ט:
אַמאָל איז געווען . . .
דעם מענטש אין געראַנגל —
אינגאַנצן פאַרזען . . .

ווי קען אַזאַ שרייבן,
ווי קען אַזאַ ליד —
זיך האַרציק צעזינגען
אין מענטשנס געמיט? . . .

עס וואַקסט דאָך און צייטיקט
פון קינסטלער אַ דור —
וואָס זינגט פון דעם לעבן,
וואָס שאַפט פון דער וואָר.

אַט־זיי, וועלן מענטשן
ניט שליסן אין שראַנק . . .
נאָר דריקן צום האַרצן
מיט ליבע, מיט דאַנק.

עס שפאַנען די קינסטלער
מיט פאָלק אין איין ריי;
די קינסטלער, וואָס שפיגלען
זיין טרוים און זיין וויי . . .

די קינסטלער, וואָס ברענגען
פון מאָרגן דעם שיין —
צום פאָלק, ווי אַ טרייסטונג
אין יאוש, אין פיין.

אין געוועב פון ווערטער

אין קרייזן פון אידישע שרייבער,
וואָס זיינען שוין טעמפּ אויף דער פּען,
באַמערקט זיך אַ נייע באַלעבונג,
ווי ממש, אַ נס וואָלט געשען.

ס'איז ניט, ווייל דאָס ברויזיקע לעבן
געגעבן פאָראויס האָט אַ שפּרונג,
און זיי מיט אַן אימפּעט געהויבן
צו שעפעריש־גייסטיקן שוואונג.

ווי קאָן דאָרט צו זיי אין די וואָלקנס,
אין די טורעמס פון העלפאַנט־ביין
אַן עכאָ פון לעבן דערגרייכן,
אַ כוואַליע אַ פרישע — דערגיין?

זיי האָבן אַ טעמע געפונען;
אַ טעמע ניט איינפאַך, ניט גלאַט.
זיי קענען די פּען איצט צעפירן
מיט נייע חדושים און פּשט.

פאַר טעמע אַן אומשולדיק קרבן
איז נעבעך — דאָס אידישע וואָרט.
ניט לשון פון פאָלק און זיין לעבן,
נאָר וואָרט און זיין וויכטיקער אָרט.

דער שרייבט, אַז וואָרט איז קדושה . . .
ניט בלויז לבוש, נאָר טאַקע דער תוך.
די אותיות ווי שמות אין הימל זיך הויבן
מיט אייגענעם פליגל־געפאָך.

און יענער גאָר שרייבט מיט התפּעלות —
אַן אות אַליין איז אַ זאַך . . .
דער אות האָט געשטאַלטן פאַרשטעלטע
געהילטע אין סודות אַ סך.

אַ דריטער מאַכט גאָר אַן עיגול.
פאַר׳כּישופ׳ט דאָס וואָרט אין אַ קרייז . . .
ער האַלט עס געשמידט דאָרט אין קייטן
און לאָזט עס ניט מאַכן קיין שפּרייז.

מיט ברען און עקסטאַז שרייבט אַ גדול
דאָס וואָרט איז גאָט׳ס הייליק געשאַנק . . .
אַליין איז עס טיף ווי דער אָפּגרונט . . .
ס׳טאָר וואָרט ניט פאַרשוועכן געדאַנק!

איר, מייסטערס פון שאַלעכץ געפּאַרבטע,
צו וועלכע איר האָט אַזאַ לוסט,
דאָס וואָרט אויסגעהוילט פון אינהאַלט,
ווי איר אַליין איז עס ווערטלאָז און פּוסט.

ס׳איז וואָרט ניט קיין שפּילצייג, קיין לוקסוס
באַם פאָלק אין די אויגן.
עס איז זיין שטאָלענער פּאַנצער,
זיין פייל און זיין בויגן.

דאָס וואָרט האָבן פעלקער אין וואַנדער
מיט קלוגער דערפאַרונג געשאַפן.
געפאָרט עס מיט גייסטיקער פרייד
אין נויט־קאַמף גענוצט ווי אַ וואפן.

דאָס אידישע וואָרט איז דאָך לשון פון מאַמען.
דאָס קינד האָט אין זיך עס פון ברוסט איינגעזויגן.
די באָבעס געפּליסטערט עס האָבן אין תּחינות,
און קעמפער אויף פאָנען עס האָבן פאַרצויגן.

ס׳איז אידיש מיט אידן פאַרבונדן,
פאַרוואָרצלט אין לעבן און ענגט ניט אין לופטן.
שפּרייט ניט פאַר ווערטער דעם מיסטישן ווייַרויך,
ניט שפּריצט זיי מיט אייערע „הייליקע דופטן״.

ווי ראָזעווע ברויט פריש אויסגעבאַקן
געשמאַק איז דאָס אידיש צום אידישן גומען.
איז זוכט ניט פאַר וואָרט אַ נייעם פלאַץ געפינען,
דאָס פאָלק האָט אין הארץ זיינס עס לאַנג שוין פאַרנומען.

מיט שאַליקן וואָרט אויף וועגן פון לעבן
וועלן אידן זיך ציען צו גליקלעכע צייטן.
זיי לאָקן מיט צוזאָג פון פרייהייט און פרידן.
און שיינען מיט וואונדערלעך ליכט פון דערווייטן.

אַ דערמאָנונג

אָט־זע איך די פרידלעכע פעלדער,
וואָס איך האָב געליבט צו באַטראַכטן —
ווי גאָלדיק זיי האָבן געשפרייט זיך,
אין שטילקייט פון זומער־פאַרנאַכטן.

אין אומעט פון מנחה־און־מעריב—
די זון, אויפן ראַנד, איז פאַרגאַנגען;
פון פעלדער, די פויערטעס, יונגע —
פאַרהילכט האָבן לופט, מיט געזאַנגען.

דורך שטעטלשע גאַסן — מיט קאָסעס,
מיט סערפּן, אויף אַקסלען געלאָדן,
צו נאַכטיקער רו, דער פאַרדינטער —
געאיילט האָבן, קינדער פון באָדן . . .

פון פאַשע, די קי פון דעם שטעטל —
ס׳קומען מיט אייטער, מיט ברייטע:
ס׳זאָלן אידישע ווייבער, זיי מעלקן —
אין שטעלכלעך, אין הויפן פאַרגרייטע.

דער שטויב פון די טרוקענע גאַסן —
בלייבט ליגן, פון טריט ניט געטרעמפּלט . . .
דער שיין פון דער העלער לבנה —
אויף דעכער, לייגט זילבערנעם שטעמפּל . . .

עס קלייבן די מאַמעס די קינדער
פון דרויסן, צו וועטשערע עסן;
אָט-באַלד, און די קינדערשע שפּילן —
זיי וועלן אין שלאָף שוין פאַרגעסן . . .

נאָר איך בין אַ אינגל, אַ מתמיד;
איך קוק נאָך אַריין אין גמרא;
איך פריי זיך, ווען קריג פון תנאים —
עס ענדיקט זיך פרידלעך — מיט פּשרה . . .

דאָס קינדישע האַרץ, האָט געציטערט —
פון שאַרפקייט פון זייערע בליקן . . .
געמיינט, אַז אָט-אָט, און — זיי וועלן
פון כעס, די בערד נאָך, צעפּליקן . . .

ס'איז שוין שפּעט; די מאַמע זאָגט האַרציק:
„נו, קינד מיינס, ס'איז צייט שוין צו שלאָפן" . . .
אַ קוש און כ'פאַרמאַך די גמרא —
מען טאָר דאָך, ניט לאָזן זי אָפן . . .

דורך שייבעלעך, קליינע — עס זעט זיך
ווי הייזלעך — אין בלויקייט, זיך טונקען;
פאַרדריי איך, פון לעמפּל, דאָס קנייטל —
און ווער אויך, אין שלאָף באַלד, פאַרזונקען.

מיין שטעטעלע, קליינע און ליבע;
אין אינגל'שע אויגן — באַ'חנ'טע . . .
איך ווייס, אַז פון נאַצישע רוצחים —
דו ביסט ניט אַרויס אַ געשוינטע . . .

מיט הונדערטער שטעטלעך אינאיינעם —
האָט נאַצי, אויף שטויב דיך צעריבן;
נאָר שאַרף, און פאַרקריצט אין זכרון —
דיין אָנדענק, באַ מיר איז געבליבן.

איך האָף נאָך, אַז דו וועסט פון שטויבן —
צו נייער באַלעבונג, זיך וועקן;
און וועלט, וועט אויף אייביקע דורות —
דעם זכר פון נאַצי — פאַרמעקן!

פאַרגיין וועט, דער שטורעם, דער בייזער;
דער קאַכיקער רשעות-געוויטער;
און, געסלעך דיינע — פאַרנעמען
עס וועלן, געזאַנגען פון שניטער! . . .

חנוכה

אַט שטייט מתתיהו דער אַלטער
און קוקט אויף מזבח פאַרשוועכטן;
עס גרייט זיך דער שונא, דער אכזר,
אַן אומריינעם קרבן דאָרט שעכטן.

מזבח — געהייליקט באַם פאָלק אין די אויגן —
מיט בושה, מיט טומאה וועט שונא באַפלעקן;
צעווייטיקט פון פיין איז באַם אַלטן דאָס פנים,
און שטורעם פון צאָרן אין ברוסט טוט זיך וועקן.

ס'איז קנאַפּ דעם באַצווינגער די צינזן, די קנעכטשאַפט,
וואָס פאָלק פון יהודה ווי שטיינער דערדריקן;
ער וויל אויך זיין מענטשלעכע ווירדע צעטרעטן.
זיין פרייע, זיין ריינע נשמה — צעפליקן!

ס'ווערט שטאַרק מתתיהו, דער פאָטער.
די זין ווערן מוטיק ווי לייבן.
זיי רופן די אידן ניט דולדן די קנעכטשאַפט;
צום אויפשטאַנד, צום קאַמף זיך דערהויבן.

דאָס פאָלק פון יהודה צערייסט זיינע קייטן;
מיט מכבי-משפחה דעם שונא פאַריאָגן;
פון זיג — דעם דערגרייכטן דורך בלוט און דורך גבורה —
צום מקדש מיט שירה די פאָנען זיי טראָגן.

דער מקדש, וואָס שונא באַשמוצט האָט, באַליידיקט,
צעשיינט זיך פון ליכט אין די זילבער מנורות . . .
אַזוי האָבן אידן די פרייהייט געפייערט;
די וואונדער געשיכטע פאַרשריבן לדורות . . .

דער רומפולער אָנדענק פון די מאַקאַבייער
וועט קיינמאָל פון אונזער זכרון פאַרשווינדן;
נאָר שטאָלץ אין אונז וועקן צו קעמפן פאַר פרייהייט,
און פלאַמיקן מוט אין די הערצער צעצינדן.

דאָס אַש פון מאַידאַנעק

דער גרויער באַרג פון גופים-אַש —
מאַידאַנעק׳ס מאָנענדיקער עדות.
צום גאַנצן ערד-קײַלעך ער שרייט
מיט קולות פון פאַרגאַזטע עדה׳ס.

ס׳איז דאָ אין באַרג אַזוי פיל אַש —
די קעפּ פון פעלקער צו באַדעקן
זיי זאָלן אַלע ווי אבלים שטיין —
פון גרויל געבויגענע, געפּייניקט פון די שרעקן.

עס מעגן ווינטן אָט-דעם אַש צעטראָגן
עס מעגן רעגנס אָט-דעם אַש צעשווענקען —
פון גרויען אַש, די פּיראַמידע —
אויף דורות וועט פאַרבלייבן צו געדענקען.

מיליאָנען אָטעמס פון דעם פלאַם דערוואָרגן.
מיליאָנען קינדער אין פריען בלי פאַרשניטן.
עס קען זכרון ניט באַהאַלטן זיי אין פאַלדן,
און זאַמד פון יאָרן — עס קען זיי ניט פאַרשיטן.

פאַר אידיש-פאָלק, אין וואַנדער און אין ישוב,
צעשפּרייט אין לענדער, איבער אַלע ימ׳ען,
איז דאָס, דער צווייטער באַרג אין זיין געשיכטע —
וואו „זכור״ — זאָלסט געדענקען, איז געקריצט אין פלאַמען.

אַ, סיני און מאַידאַנעק — ווי קען מען אייך פאַרגלייכן.
דעם העכסטן יושר און רשעות העכסטע שפּיצן?!
איר ביידע אָבער, האָבן וועלט געטרייסלט
מיט וואָרנונגען, געשריבענע מיט בליצן . . .

דער צווייטער „זכור" וועט פונקט אַזוי ווי ערשטער
מיט דונער טראָגן זיך איבער אַלע לענדער;
וועט וועקן פעלקער, קיינמאָל ניט פאַרגעסן
די וועלט־פאַרדאַרבער, די צינדער און די שענדער.

ס'וועלן הויבן זיך פון אַש די לויטערע נשמות.
מיט פליגל־פאַך זיי וועלן וועלט־טומל פאַרשטומען;
און צייכענען צו היטן מיט פייערדיקן אָנזאָג:
אַ נאַצי־ערע טאָר קיינמאָל מער ניט קומען!

צום גואל משיח

אַ בעטלער משיח
באַם רוימישן טויער
דערוואַרט די גאולה
אין אייביקן דויער.

אַזוי איז אין ספרים
אין אַלטע פאַרשריבן,
און ווי אַ לעגענדע —
ירושה פאַרבליבן.

געדולדיקער גואל,
דו בינדסט דיינע וואונדן!
און צערטלסט דעם אייטער,
וואָס ווערט ניט פאַרשוואונדן!

מיט קאָפּ איינגעבויגן.
דיין אויער האַלטסט אָפן;
דו זאָלסט ניט די תקיעה
חלילה פאַרשלאָפן.

און וואַרטסט, ביז ס'וועט קומען
דיך נעמען דיין אייזל . . .
אויף אים וועסטו רייטן
צו ברענגען דערלייזונג.

די וואַרעמע שטראַלן
פון זוניק־איטאַליע;
דיין שטענדיקער חלום
פון הימל־פמליא.

זיי מאַכן דיך דרעמלען
שוין הונדערטער יאָרן . . .
צי וויסטו, צי ווייסטו
פון פאָלק וואָס געוואָרן?

מיליאָנען פאַרשניטן
דורך רויך און דורך פייער;
מיליאָנען פאַר אָטעם —
אוי, צאָלן, ווי טייער!

און שונאים פאַרבליבן,
וואָס גזירות נאָך וועבן,
צו לאָדן מיט צער,
מיט פּיין אונזער לעבן . . .

צו דרעמלען איז איצטער
אַ טראָט צו דער קבורה!
דיין פאָלק קען נאָר לעבן
דורך קאַמף און דורך גבורה!

דערמאַן זיך פון דוד,
וואָס שאָף האָט געפיטערט,
ווען פאָלק איז פון שונא
געוואָרן פאַרציטערט.

געאיילט האָט דער יונגלינג,
דער צאַרטער, דער דיכטער,
און האָט מיט זיין גבורה
דעם שונא פאַרניכטעט!

דערמאַן זיך עקיבא —
אַ פּרינץ פון דער תורה.
ווי מוטיק געוועקט האָט,
פאַרטריבן די מורא.

און מכבי — יהודה
מיט איידעלן פּנים.
ווי העלדיש פאַרטריבן
ער האָט זיי, די שונאים!

ניט זיין מער באַם טויער,
באַ פויפּסטן — אַ שכן . . .
פון דאָרט וועט ניט קומען
קיין מוט, קיין נצחון!

אַ גואל דערווייטערט
פון פאָלקישע שטאַמען
קען קיינמאָל ניט צינדן
גאול׳שע פלאַמען!

עס שפּרייזן איצט פעלקער
צו פרייהייט, צו תקומה;
נאָר אונזערע פירער —
זיי שווייגן ווי שטומע.

אַ שרעק פאַר דאָס נייע
אין זיי איז פאַרבאָרגן;
ניט זיי וועלן פירן
צום ליכטיקן מאָרגן.

קום גואל, צו חלום
געוועבט פון די מאַסן,
וואָס פרייהייט זיי ליבן,
און קייטן זיי האַסן.

עס איז דאָך דיין שליחות
מיט זיי זיך פאַרוועבן;
זיי ברענגען די בשורה:
עס קומט אַ ניי לעבן!

און זאָל אויך דיין שופר
זיך לויטער צעשאַלן . . .
ווען זון פון באַפרייאונג
די וועלט נעמט צעשטראַלן.

משה אין מדבר

מדבר־אָטעם, היים און טרוקן,
ברענט מיט זאַמדן משה׳ס גומען;
ס׳הערט קיין שאָרך זיך ניט אין מדבר
ערד און הימל —ביידע שטומען.

שטיל די שאָף אַרום זיך ליגן
משה׳ס קאָפּ איז שווער געבויגן.
קנעכטשאַפט־יאָך פון זיינע ברידער
זעט ער קלאָר פאַר זיינע אויגן.

נוגשים׳ס־בייטשן ווי די שלאַנגען,
בריען גיפטיק הויל׳ע לייבער!
פרעה׳ס טורעם־פּיראַמידן,
הויבן זיך דורך צוואַנג פון טרייבער.

ווי־זשע קום איך, דאַ, אין מדבר,
זיין פאַר יתרו׳ס שאָף אַ היטער?
גאָר פאַרגעסן מיינע ברידער,
ווי זיי לעבן קנעכטיש־ביטער?

מיט אַמאָל, פאַר זיינע אויגן,
האָט צעצונדן זיך אַ דאָרן;
און אַ קול האָט זיך צעטראָגן —
פול מיט מאָנונג, פול מיט צאָרן!

משה! משה! ווי אַ פחדן
פון מצרים ביסט אַנטלאָפן;
ס׳האָט דיך פּרעה אָפּגעשראָקן
מיט אַ מורד׳ס הארבע שטראָפן.

ביז צום טויט דאָרט דיינע ברידער
מיט די פּיס דעם ליים זיי קנעטן;
און דיין לייב טוט יתרו׳ס טאָכטער,
דיין צפורה, פלאַמיק גלעטן!

ניט פאַר דעם געוואַכט האָט מרים
אויף דיין תבה, מיט פאַרוויינטע אויגן,
ביז צום לעבן האָט בת־פּרעה
דיך פון טייך אַרויסגעצויגן.

האָט דיין מוטער ניט מיט ציטער
דיך ווי שטאָלצן מענטש דערצויגן?
דו זאָלסט אויסוואַקסן אַ קעמפער,
און פאַר מושלים זיך ניט בויגן?

וואַרף אַרונטער שיך פון פאַסטעך
לאָז פאַר יתרו׳ן שאָף און רינדער.
ס׳איז דיין שליחות — צו באַפרייען
פון מצרים יעקב׳ס קינדער!

צי אַרויף אַ פאָן פון האָפענונג
אויף דיין פראָסטן פאַסטעך־שטעקן.
גיי מיט מוט צו דיינע ברידער —
זיי צום פרייען לעבן וועקן!

ס׳האָט אַ ליכט זיך העל צעפינקלט,
ווי אַ קרוין, אויף משה׳ס שטערן
פריש־באַנייט, נעמט משה שפּאַנען —
פירער פון זיין פאָלק צו ווערן!

אַ מעשה פון בעל־יוואַרט

מען דאַרף גאָר קיין „אייזערנעם פאַרהאַנג" ניט הויבן
און שמוגלען דעם גרענעץ דורך גרויסע געפאַרן
צו זען, ווי באַ „זיי" האַלט דאָס אידישע לשון
אין ווערן פאַרשטויסן, אין וועלקן, אין דאַרן.

אַז לייענען אידיש — ווער קען און ווער וויל גאָר?
און ריידן אויף אידיש — עס פּאַסט ניט פאַר שכנים.
מען וויל דאָך די קינדער ניט לאָזן זיך רויטלען,
ווען זיי וועלן קומען זיך שפּילן אינאיינעם.

ווער רעדט נאָך אַ צייטונג אויף אידיש צו קריגן —
איר וועט עס פאַר מיילן ניט קענען געפינען.
ס'איז אפשר ניטאָ „דאָרט" אויף דעם קיין פאַרבאָטן,
נאָר וועמען וועט קריכן „דאָרט" אידיש אין זינען?

מען ווייסט עס פון לאַנג שוין, מען דאַרף דען באַווייזן?
דאָס לעבן אויף אידיש איז „דאָרטן" פאַרגאַנגען.
אַ אידישער קיבוץ, אַן פאָלקס־שפּראַך אין מיילער,
עס צאַנקען די לעצטע פון אידיש די קלאַנגען.

דעם דאָזיקן אמת איך טאָר ניט באַהאַלטן,
איך טאָר ניט פאַרשטיקן, איך טאָר ניט פאַרשווייגן.
טאָ קומט זשע צוזאַמען מיט מיר אויף די „דאַטשעס"
פון אונזער „בעל יוואַרט" און אַנדערע צווייגן.

דאָרט „אידלט" זיך שטאַרקער ווי אין שטאָטישע גאַסן,
דער איד איז דאָרט היימיש — אַן אייגן מדינה . . .
עס שמעקט מיט דעם הייסן, דעם כשר'ן „הינטל"
מיט זענעפט מיט שאַרפן, און „סענדוויטשעס" דינע.

אַ אידישע עדה — מיט כשר'ע מאָגנס,
פאַר פליישיקס, פאַר מילכיקס, פאַר זיסקייט פון טאָרטן . . .
און נאָך אַ גוט מאָלצייט — וואָס קען דען זיין בעסער
און אידישלעך כשר, ווי שפּילן אין קאָרטן?!

פאַר יונגוואַרג איז אויך דאָ די גייסטיקע שפּייז —
די נייעסטע „קאָמיקס", די ביכלעך פּיינע
מיט „סעקס" און מיט מאָרדן, מיט העלדישע גענגסטערס
בלשון המדינה — און האָט ניט קיין טענות . . .

ס'איז פול אָט־די סחורה אין אַלע געשעפטן.
קיין אידיש ביכל, קיין אידישע צייטונג —
דערמאָנען דעם עולם, אַז ס'טראָגט זיך אַ שטורעם.
איז וואָס וועט ער ברענגען, און וואָס זיין באַדייטונג?

„ווי סעל נאָ דזשואיש פּעיפּערס" . . . „ווי קיפּ נאָ דזשואיש פּעיפּערס" . . .
אַזוי איז דער ענטפער פון אידן געקומען.
אַזוי איז אין „בעל יואַרט", „בעל עיר", אין „טענט סיטי".
די אידישע דאַטשעס — אויך אידיש זיי שטומען.

עס האָבן צעשפּרייט זיך אַרום דעם לעיק סימקאָ
געצעלטן פון יעקב — צו פּאַשן דאָס בייכל.
קולטור־אַטמאָספערע, דערצו נאָך אין אידיש —
באַ זיי גייט עס אונטער, ס'איז דאַרט ניט קיין מאכל.

ניטאָ דאַרט דער ווילן קולטור צו געניסן,
פון אוצר פון רייכן פון אונזער ירושה.
איר „זאַרגער" פּאַר אידיש, צי פילט איר די פּוסטקייט
פון אייגענער סביבה, דעם ווייטיק, די בושה?

צי אפשר וועט איר גאָר דאָס האַרץ די פּאַרקלעמטע
אין ווינקעלעך „טריפ'ע" צו מונטערן פירן,
וואו זומער־פאַרווילונג באַהעפט מיט קולטור איז,
מיט אידישן אינהאַלט — אין נייע קאָלירן?

עס וועלן אייך פרייען די מונטערע לידער,
דער זאַפטיקער אידיש אין קינדערשע מיילער,
די גאָלדענע פאָדים פון המשך, וואָס ציען
קולטור־טרייע טוער, דערציער, פאַרוויילער.

דער נעכטן און מאָרגן פלעכט זיך צוזאַמען
בײַ די װעלכע װעקן דאָס פֿאָלק צו זײַן מונטער,
בײַ די, װעלכע בליקן צו ליכט פֿון דער װײַטן —
דאָס פֿאָלק און זײַן לשון גײט קײנמאָל ניט אונטער!

פֿאַראױס מיט די פֿאַנען, װאָס פֿירן די פֿעלקער
אין קאַמף אין גערעכטן, פֿאַר לעבן פֿאַר פֿרײַען,
װערט אױך, װי דער אָרון אין מדבר, געטראָגן
קולטור פֿון די פֿעלקער צו אױפֿבלי צום נײַעם.

אונזער אָרדן

װי אָדלערשע פֿליגלען,
אין פֿלי די צעשפּרײטע —
עס פֿלאַטערט פֿון אָרדן,
די פֿאָן, די צעװײטע.

זײַן פֿלאַמיקער לאָזונג —
זײַן הױכקײט טוט שװעבן:
„צו אידן מיר ברענגען
די בשורה פֿון לעבן"!

ס'האָט היטלער דעם גורל
פֿאַר אונז ניט פֿאַרזיגלט;
און װעלט איז געבליבן —
פֿאַר אונז ניט פֿאַרריגלט.

עס זײַנען, דאָך, פֿעלקער
פֿון מענטשהײט די גלידער;
װי גרױסע משפּחה —
פֿון שװעסטער און ברידער.

מיר אַלע זיך ציען
אױף זעלביקע װעגן:
פֿון שטורמישע ימ'ען
צו פֿרידלעכע ברעגן.

אין הערצער איין האָפענונג
מיר אַלע באַהאַלטן:
צו טרעטן אויף באָדן
פון זון אַ באַשטראַלטן.

געװנוג שוין האָט די מענטשהייט,
פאַר דורות, און דורות,
געשפייזט זיך מיט שנאה׳ס,
די גיפטיקע פירות.

פאַר הערשאַפט פון רשעות —
מיר מאַכן אַ סיום . . .
ס׳קען מענטש מענטש בלויז דורך פריינטשאַפט
דערהאַלטן זיין קיום!

מיר רופן צום לעבן;
מיר שאַפן, מיר בויען.
מיט פלאַמיקן גלויבן —
די צוקונפט מיר טרויען.

צוזאַמען מיט פעלקער,
ווי אידן געטרייע —
מיר גייען צום יום-טוב
פון צייטן, פון נייע!

א י ד י ש

דיין חכמה, מיין פאָלק,
דיין לעבנס-דערפאַרונג
איז דורות׳דיק לאַנג,
די זאַפטיקע נאַרונג
פאַר יענעם נר-תמיד,
וואָס ווערט ניט פאַרלאָשן —
דיין פאָלקישן דיבור,
דיין אידישן לשון.

צי איז דאָס דער פייער
פון נביא ישעיה;
צי איז דאָס דער פילפול
פון „אָמר אביי;”
צי י. ל. פרצ׳ס
געדאַנקען-פולי הויכער,
אָדער דעם „זיידנס”
סאַטירישער שמייכל —

זיי ציען יניקה,
מיין פאָלק, פון דיין לעבן;
דיין פיין, דיינע פריידן,
דיין האָפענונג — זיי וועבן.

עס מעגן געשיכטלעך
זיך בייטן די שטראָמען —
דיינס איז דער מקור
און אידיש איז — דער נאָמען!

געווען זיינען צייטן

געווען זיינען צייטן
אין ליבן ניט-לאַנג,
ווען איד האָט געגרויסט זיך
מיט ביכער פון שראַנק.

געזעסן בנעימות,
געקרייזלט די באָרד.
צע׳טעמ׳ט מיט אַ נחת
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט . . .

געוואוסט, ווי צו שעצן
אַ שרייבער, אַ ספר,
און שטענדיק געלייענט
מיט חשק, מיט אייפער.

— אָך, זע-נאָר, אָך, זע-נאָר,
געמורמלט מיט פרייד;
ווי סוד דער פאַרטיפטער
אַנטפּלעקט זיין באַשייד.

עס האָט דאָך צוזאַמען
מיט פלייש און מיט פיש —
אַ בוך זיך געפונען
אויף יעטווידן טיש.

ער טרינקט דעם הייסן,
פאַרצוקערטן טיי.
און ס׳ווערט אַזוי לייכט אים
אין גייסטיק-צעשטריי . . .

אַ איד האָט אַ יום-טוב
געפילט אינעם בוך;
ווי ס׳וואָלט צו אים געקומען
אַ גאַסט אויף אַ באַזוך.

געווען אַמאָל צייטן,
מען זעט זיי נאָך קלאָר;
ווי אָט-אָ דער חלום
געווען איז דאָך וואָר . . .

צוויי הויפן אין שטעטל

דער שול-הויף אין שטעטל
געלעגן איז קויטיק;
אַבי נאָר אַ רעגן —
אַ טראָט-ברעט איז נויטיק.

נאָר וועמען איז טראָט-ברעט
געלעגן אין זינען?
ס'וועלן שטיוול די לאַנגע
דעם וועג שוין געפינען.

אין שול האָבן אידן
דורך בלאָטע געצויגן;
די רוקנס האָט משא
פון זאָרג געבויגן.

מיט תפילות צו יענעם
אין הימלען פאַרהוילן,
געזוכט אַלע צרות
פון לעבן פאַרהיילן.

ער וועט שוין פאַרזאָרגן,
אַט-דער וואָס איז הייליק . . .
אויב ניט אויף דעם עולם
להבאָ אַ חלק . . .

איז פול מיט קדושה
די שול אַט-די אַלטע;
עס איז דאָך אין אָרון
די תורה באַהאַלטן.

פון פעלקער, פון אַלע
דער איד לעבט באַזונדער . . .
צו אים בלויז האָט בורא
באַוויזן זיין וואונדער . . .

:: :: ::

אין הויף וואָס אַנטקעגן
אַ גאָרטן צעשפּרייט איז —
זיין שטח דער גרויסער
מיט בלומען פאַרזייט איז.

מיט פאַרבן מיט העלע
צעשיינט איז דער קלויסטער;
זיין גאָלדענער צלם
צום הימל זיך רייסט ער.

עס פּוצן זיך מוידן
מיט סטענגעס געפאַרבטע;
און יונגען זיך צירן
אין שטיוול געקאַרבטע.

די תפילה פון פויער
דאַרף ווינציק הכנות;
מען טוט זיך בלויז בוקן
צום גלאַנץ פון איקאָנעס . . .

און איין הויף דעם צווייטן
פאַרביטערטע שעלטן —
מיט שנאָה פאַרפלאַנצט
זיינען פרעמדע צוויי וועלטן.

די שנאָה ווערט שטאַרקער
און גרעסער און הייסער,
ווען נאָך אַזאַ „דאַוונען"
מאַכט מען אַ כוסאַ . . .

:: :: ::

נאָר אַט האָט אינמיטן
פון נאַכטיקער שטילקייט,
ווען שטעטל פאַרהילט איז,
אין פינצטערער קילקייט,

אין ערגעץ אַ ווינקל
פון שטרויענע דעכער
צעטאַנצט זיך אַ פלאַקער
פון ווינטלעך צעפּעכערט.

די אידן, די מידע,
דער שלאָף איז זיי טייער;
עס קען נאָך דאָס שטעטל
אַוועק מיטן פייער!

דאָך עמיצער האָט שוין,
מיט שרעק אין די אויגן
די גלעקער פון קלויסטער
מיט אימפּעט געצויגן . . .

און גלעקער, זיי קלינגען:
קומט לעשן! קומט לעשן!
אין צייט פון סכנה
ווערט שנאה פאַרגעסן!

מיט שטוינונג, די דאָרפסלייט
זיך פרעגן: פון וואַנען?
אין רגע'ס געציילטע
די פערדלעך זיי שפּאַנען!

זיי קומען צו לויפן:
די פערדלעך פאַרשוויצטע.
אויך שמייסער פון יאָגן
אינגאַנצן צעהיצטע.

זיי העלפן די אידן —
אַ רגע איז טייער! —
זיי לעשן צוזאַמען
דעם נאַכטיקן פייער.

פון הויפן די שייד-וואַנט
צעשמעלצט ווערט אין פלאַמען;
און יאָשקע, און וואַסקע —
זיי שטייען צוזאַמען.

אַ פויערשער וועגל,
אַ אידישער „צעבער",
געבראַכט האָבן וואַסער
צו לעשן בציבור . . .

די פּנים'ער גלאַנצן
מיט שווייסן באַדעקטע;
און נאָענט מען פילט זיך
פון פריינטשאַפט דערוועקטע.

פאַקלען אויף די בערג

אין צייטן אַמאָליקע,
אין לאַנד פון די אידן,
ווען פאָלק אויף זיין באָדן
געלעבט האָט אין פרידן,
דערציילט די לעגענדע
אַ מעשה, אַ קליינע,
אַ מעשה אַ פּראָסטע,
אַ חנ'עוודיק-שיינע.

באַליבט איז לבנה
געווען דאַן, און טייער;
פאַרגעטערט פון מענטשן —
ווי הייליקע פייער.
ווען זי האָט אַ רונדע
אין שיפל צעהעלטן,
געגליטשט זיך אין הימל
פאַרביי די געצעלטן,

האָט פריידיק גע׳יובל׳ט
דאָס האַרץ פון די מענטשן;
אַרוים איז מען דרויסן
מיט דאַנק זי צו בענטשן.

נאָר אָט איז דער חודש
צום סוף שוין דערגאַנגען,
ס׳האָט הימלען אַ פאַרהאַנג
אַ שוואַרצער פאַרהאַנגען.
צערודערט דאָס פאָלק איז
פון טיפער פאַרווירונג;
וואו איז די לבנה,
די נאַכטיקע צירונג?
און ס׳האָבן די פירער
פון פאָלק די געטרייע
אין הימלען גענישטערט
דעם מולד, דעם נייעם.
דאָס פאָלק זאָל זיך טרייסטן,
ניט אומגיין פאַרלוירן,
אַ נייע לבנה
ווערט ווידער געבוירן . . .

אויף באַרגיקע שפּיצן,
אין ווייטקייטן ברייטע
צעשטעלט האָט מען שומרים
מיט פאַקעלן גרייטע.
דערזען האָבן פירער
פון מולד דעם צייכן:
געשפּאַרט האָט דורך וואָלקנס
אַ שטראַלכל אַ בלייכער . . .

צום באַרג, צו דעם נאָענטסטן
עס לויפן באַפעלן:
זאָל שומר די נאַכט איצט
מיט פאַקעל צעהעלן!
פון ווייטן, אים ענטפערט
אַ שומר, אַ צווייטער;
אויך דאָרטן אַ פאַקעל
צעצינדט זיך, אַ רויטער . . .

און ווייטער און ווייטער
אַ דריטער, אַ פערטער;
עס רעדן די פלאַמען,
מען לייענט — אָן ווערטער . . .
עס וועט דער דערוואַרטער
און ליכטיקער צייכן
צו ווינקלען די ווייטסטע
מיט אַנזאָג דערגרייכן . . .
דער חושך פון טאָלן
וועט מער שוין ניט שרעקן;
לבנה, וועט זילבערדיק
אָט-באַלד זיך אַנטפּלעקן . . .

אַזוי האָבן פירער
מיט פאָלק אויסגעבונדן,
אויף באַרגיקע שפּיצן
די פאַקלען געצונדן.
אַז פאָלק זאָל געדענקען:
ס׳וועט נאַכט ניט געלינגען,
דאָס ליכט פון די הימלען
אין חושך פאַרשלינגען . . .

מיט ווערטער מיט פּראָסטע

מיט ווערטער, מיט פּראָסטע
איך שרייב מיינע לידער;
ווי איך וואָלט געשמועסט —
מיט שוועסטער, מיט ברידער.

אָן אָנשטעל, אָן פּאָזע,
מיט הארציקע ווערטער —
ווי איך וואָלט פארטרויט זיך
מיין ליבסטער, באַשערטער.

ווי איך וואָלט אַ חבר
געזאָגט אַ גוט-מאָרגן,
און טיילן מיט אים זיך —
די פריידן, די זאָרגן.

אויף שורות, אויף מיינע —
איך הענג ניט קיין שלעסער . . .
וואָס מער מען פארשטייט מיך —
אַלץ פיל איך בעסער . . .

איך וויל ניט קיין סודות
באַהאַלטן אין סטראָפן . . .
די טיר צו מיין טראַכטן —
איך וייל זאָל זיין אָפן . . .

זאָל יעדערער טיילן
מיין הייליקן גלויבן;
אַז מענטש וועט פון חושך
צו ליכט זיך דערהויבן.

איך זאָג צו אַ פרעמדן,
איך זאָג צו מיין שכן:
די וועלט איז פון רשעות,
פון שנאָה — צעבראָכן . . .

איז לאָמיר צוזאַמען,
אין בונד, אין געטרייען,
איר קרעפטיקן, היילן,
איר לעבן באַנייען.

באַקעמפן די הערשער,
צערייסן די קייטן —
אַז בליען זאָל לעבן
מיט פּאַרביקע קווייטן.

ס'איז בלוי דאָך דער הימל,
עס פינקלען די שטערן;
טאָ זאָל אונזער לעבן
אויך ליכטיקער ווערן.

איז ליד מיינס אַ חבר
צו מוטיקע מענטשן;
און זוכט זיי צו טרייסטן,
און זוכט זיי צו בענטשן;

און גייט אין די רייען —
אין קאַמף קעגן בייזן;
און זינגט פון דער ברכה —
פון מענטשהייט'ס דערלייזונג! . . .

אַני־מאַמין

איך גלויב אַז דער טאָג
פון חסד וועט קומען.
און ס׳וועט אויף דער ערד
די שטימע פון רשעות פאַרשטומען.

שוין צייט, אָ, שוין צייט
מקוים זאָל ווערן דער חלום:
אויף מענטש, אויף זיין מי
וועט שפּרייטן זיך סוכּה פון שלום...

די הערשאַפט פון בייז —
ירושה פון פינצטערן נעכטן —
צעגיין וועט ווי שניי
אין שיין פון דעם טאָג, דעם גערעכטן.

איך זע שוין, איך זע:
עס זוימט זיך אַ ליכט־שנור פון וויטן —
אַן אָנזאָג דער וועלט:
זיי קומען, די זוניקע צייטן!

עס ווערן באַדעקט שוין
מיט בליאונג — נביא׳ישע זאָמען
פאַרפלאַנצט אין אַמאָל:
והיה... באחרית הימים!...

אין פרימאָרגן

אַ גרעזל באַגריסט זיך
אין מאָרגן, אין בלויען
מיט טראָפּנס, מיט קילע —
קרישטאָל־קלאָרע טויען.

אַ בלימל צעעפנט
די בלעטעלעך דינע
און נויגט זיך אַ צאַרטע
צום יונגן באַגינען.

אויך איך פיל די שפּירונג
ווען נאַכט ווערט פאַרפלויגן.
אַ וואַכקייט דערמונטערט
פון שלאָף מיינע אויגן.

איך קוק אַ דערפרישטער,
ווי טאָג הויבט־אָן העלן;
ווי פרישער פרימאָרגן
באַגילט מיינע שוועלן.

מיין קערפער ווערט מונטער,
און לויטער — מיין שכל;
מיין פנים צעשטראַלט זיך
אין ליכטיקן שמייכל.

מיך ציט אין די גאַסן
צו זינגען געזאַנגען
צום טאָג, צו דעם נייעם
וואָס איז אויפגעגאַנגען.

עס ווילט זיך מיר איצטער
אַ מענטשן געפינען
און וואַרעמען שמועס
מיט אים צו פאַרשפינען.

שפאַן לעבעדיק, ברודער!
אַז גיין — איז געגאַנגען.
דאָס לעבן האָט זונען
אין הימלען צעהאַנגען!

פון פינצטערע תפיסות
צעשמעטערט די ריגלען!
טאָ לאָמיר־זשע, ברודער,
אַ שפרייט־טאָן די פליגלען!

וואָס איך וויל

איך וויל זיין דאָס אויג
פאַר די, וואָס זעען ניט גוט, —
וואָס בלאָנדזשען זיג־זאַגיש
אויף לעבנ׳ס מאַרשרוט.

מיין בליק מיט זיי טיילן,
און ווייזן דעם וועג;
באַהעלן דעם טונקל
פון זייערע טעג.

איך וויל זיין די צונג
פאַר שטאַמלדיקן מויל,
וואָס קאָן ניט צעוויקלען
פון ווערטער דעם קנויל.

אים העלפן מיט קלאָרע,
פאַרשטענדלעכע רייד,
ווי אָנטאָן געדאַנקען
אין פאַסיקן קלייד.

איך וויל, אַז מיין אָרעם
אַן אָנשפאַר זאָל זיין
פאַר די, וועלכע טראָגן
די לאַסטן פון פיין.

אַז יאוש ניט האַלטן
זאָל זיי אין אַ צוואַנג;
נאָר מוטיקן זאָל זיי
פון שותפות דער גאַנג.

איך טראָג אָט־דעם חלום
דורך יאָרן פון גאַנג,
און וועב אים אין לידער
מיט שטילן געזאַנג.

דעם נביא׳ס פּאָן

שטענדיק איידער נייע תורות,
פון אַ „סיני״ ווערט געגעבן —
הילט די ערד זיך איין אין חושך,
און די הימלען — בליצן וועבן . . .

ס׳קראַכט דער דונער אין די רוימען —
ווי אַן אָנזאָג ער וואָלט שיקן . . .
מענטשן הערן, פול דערוואַרטונג;
האָבן מורא הויך צו בליקן . . .

בלויז דער נביא — שטייגט אַלץ העכער,
צו דעם באַרג פון נייעם גלויבן . . .
אָט-אָ שטייט ער אַ באַשטראַלטער —
אויף דעם העכסטן שפּיץ פון אויבן . . .

און נאָך מעכטיקער פון דונער —
הילכט זיין שטים צו די פון אונטן:
אַלטע וועלטן ביז די גרונטן . . .
און זיין נייער וואָרט צעשמעטערט

און נאָך יעדער „מתן תורה״ —
שפּילט זיך אָפּ די „מעשה עגל״ . . .
ווייל ס׳איז שווער פאַר די, וואָס קריכן —
שפּרייטן פליגל ווי די פויגל . . .

שאַלט דער נביא אוים זיין קאַמפּס-רוף:
„פאָלק, דיין פרייהייט איז אין קאָן!״
ציען מחנות, קאַמף-דערוואַכטע —
צו דעם נביא, צו זיין פּאָן! . . .

די בירזשע

(זכרונות פון 1904-1905)

די שטאָט, וואָס צו הויכקייט
פון הימלען זיך טורעמט,
האָט אויך מיט איר אָטעם
מיין לעבן געפורעמט.

נאָר ניט מיט דעם אָטעם
פון גרינע בולוואַרן,
נאָר אָטעם געווינטיקט
פון גאַס־טראָטואַרן.

וואו ס'האָבן די מענטשלעכע רייען
געכוואַליעט ווי ברויזיקע שטראָמען,
אָט־דאָרטן — מיין טראָט איז געשטעמפּלט;
אָט־דאָרט איז פאַרשריבן מיין נאָמען.

גערויש פון די מאַסן,
די טריט, די געשפּרעכן —
געוועזן איז ווי פרילינג,
ווען טייך נעמט זיך ברעכן . . .

אהין, איז מען גלייך פון פאַבריקן,
באַפרייט פון דער אַרבעט, געקומען;
פאַרטריבן די פוסטע שפּאַצירער
וואָס טראָגן אין לאַצן די בלומען . . . .

דער שטויב פון וואַרשטאַטן
נאָך ליגט אויף דעם טרוקענעם גומען;
דאָך שפּאַנט מען ווי זיגער.
ס'האָט „פּראַצע" — אַ גאַס דאָ פאַרנומען.

און אַקסל צו אַקסל, מיט ליבע —
אַ „ברודער" מיט „שוועסטער" זיך דריקן;
און שטיל מיט פאַרבאָטענע סודות —
עס ריידן די פלאַמיקע בליקן . . .

אַ ווייסער פּאַפּיר טוט אַ פלאַטער;
מען דריקט עס אויף גיך — ווי אַ טיכל . . .
מיט פליגעלעך שוואַרצע, אַזוי ווי אַ פויגל,
פון איינעם צום צווייטן — אַ פלי־טוט אַ ביכל . . .

מיט קוועטש פון אַ האַנט־דרוק, אַ הייסן —
דערלאַנגט מען אַ חבר׳שן שלום;
מען פילט, ווי עס בינדט זיי צוזאַמען —
אַ שיינער, אַ ליכטיקער חלום . .

דער ריטם פון טראַט האָט קרעפטיק געמונטערט;
ווי שטאַרקער וויין — די בלוטן געצונדן;
ווי גוט איז צו זיין אַ טייל פון דעם כוח,
וואָס האָט זיך מיט ליכטיקן מאָרגן פאַרבונדן!

די טריט, די געקריצטע אין שטיינער,
ווי צייכנס פון יונגע און קאַמף־פולע יאָרן —
ניט זיי קענען צייטן פאַרמעקן, פאַרווישן;
זיי צירן נאָך איצט מיין זכרון.

ווי הייליקע לוחות מיט נייע געבאָטן,
איך טראָג זיי דורך יאָרן, צו צייטן דערוואַרטע.
איך זע שוין, אַלץ נעענטער און נעענטער
דאָס לאַנד דאָס געבענטשטע, דאָס לאַנד דאָס געגאַרטע . . .

דער קוואַל

צופוסנס דעם באַרג דעם מאַסיוון,
אין ווינקל פון אייביקן שווייגן
האָט פלוצלונג אַ שטראָמל אַ קליינטשיקס
גענומען פאַר הימלען זיך צייגן.

און שטיינדלעך עס האָבן צום ערשטן
באַנעצט די פאַרטריקנטע ליפּן.
מיט פייכטקייט מיט קילער, מיט פרישער
געלייטערט דורך ערדישע זיפּן.

ס׳האָבן גרעזלעך פאַרשמאַכטע און בלעטעלעך דינע
גענויגט זיך צום וואַסער און דאַרשטיק געטרונקען.
דאָס שטראָמל האָט פריידיק אין ליכטיקן זון־שיין
געשוימט זיך, געשטראַלט מיט גאָלדענע פונקען.

און אָט אין אַ טאָלעכל אַ שטילן, אַ קליינעם,
אין ערגעץ אַ וויַיטן, פאַרוואָרפענעם געגנט,
אַ טייכל אַ שמאָלינקס, וואָס מורמלט געלאַסן —
אַ ברודער אין וואַנדער האָט שטראָמל באַגעגנט.

זיי האָבן צעקושט זיך ווי לייבלעכע ברידער,
און טאַנצנדיק פריילעך, אַ פריינטשאַפט געשלאָסן.
און ביידע שוין ברייטער, געשווינדער,
אין רוישיקן לויפן אינאיינעם געפלאָסן.

די שטרעקעס אין שטילקייט צעשפּרייטע,
וואָס האָבן געהערט נאָר פון פליגלעך דאָס זשומען,
מיט וואונדער מיט נייגער זיי האָבן
אַ נייעם אַ פריילעכן ניגון פאַרנומען.

אַן עכאָ געבראַכט האָט דאָס רוישן
צו קוואַלעכלעך, וואָס ליגן און דרימלען,
צו וואַסערן שלעפעריק־פוילע
אין בעטן פון זומפן, וואָס שימלען.

און ס׳האָט זיך געלאָזן אַ וואַסערן־וואַנדער,
בראשית׳דיק אייַנשטעל פאַרוואָרפן, צענומען.
און וואַסערלעך ציען ווי שלענגעלעך דינע
אַהינצו פון וואַנען דער רויש איז געקומען.

מיט יונגינקן שפּרינגען, זיי גיסן אַריין זיך
אין ברויזיקן שטראָמל דעם קילן, דעם פרישן.
אַ האַלדזן, אַ קושן, אַ פריידיק געלעכטער —
אַ שטראָמלער־משפּחה אין טאַנץ נעמט זיך מישן.

און אַלע אינאיינעם מיט רויש און מיט אימפּעט
זיי לאָזן אין וועג זיך אַלץ וויַיטער און וויַיטער.
פון שטראָמל דעם קליינעם אַ טייך איז געוואָרן —
אַ טייך, וואָס ווערט טיפער און פולער און ברייטער.

ער האָט ווי מיט אָרעמס צעשפּאַרט זיינע ברעגן.
ער ווידמעט שוין פישלעך אין רייכע קאָלירן.
און פעלדער ער זעטיקט, און שיפלעך ער טראָגט שוין,
און מענטשן זיין ברכה שוין הויבן אָן שפּירן.

ער קען שוין ניט ליידן די קייטן פון ווינטער,
און אונטער דעם אייז־דעק ער שוימט אַ צערייצטער.
און איידער דעם פרילינג די זון האָט צעוואַרעמט,
ער רייסט שוין די קייטן און שטרעקעס פאַרפּלייצט ער.

אָ, היט זיך, איר גרעבליעס, וואָס ווילן אים צוימען!
איר בריקן, וואָס ווילן אַ וועג אויף אים צווינגען.
ער שליידערט די קריעס מיט מעכטיקער גבורה.
ער וועט אייך צערייסן אין כוואַליעס פאַרשלינגען!

אזוי־אָ, פון שנייען און פלוסן געזעטיקט
ער ברייט זיך, ער טיפט זיך אין וועג אין זיין לאַנגן.
עס קען שוין אַ בריק זיינע ברעגן ניט שפּאַנען,
און ער איז נאָך אַלץ צו זיין ציל ניט דערגאַנגען.

ער איז שוין צעצויגן אויף טויזנטער מיילן,
דורך געגנטן הייסע דורך געגנטן קאַלטע.
אים צוימען שוין סטעפּעס פון פלאַכיקעברייטן
און בערגיקע קייטן מיט וועלדער אוראַלטע.

אַ שפּייזער איז ער שוין פאַר טויזנטער דערפער.
פון שיפן אַ שפע פילט אָן זיינע טיפן.
אויף רוקן אויף ברייטן און זילבערדיק־גלאַטן
ער טראָגט שוין די ריזיקע, שטאָלענע שיפן.

אָט איז ער שוין איצטער פון טייכן דער גרעסטער.
ווער קען אים פאַרהאַלטן? ווער וואַגט אים צו צאַמען?
אַ גיבור, וואָס האָט זיך גיגאַנטיש פאַרמאָסטן
צו ברענגען זיין וואַסער צושטייער די ים׳ען.

זיין שטראָם זאָל דאָרט גרייכן אַ מעכטיק צערוישטער
און ווערן אַ שותּף צום ים׳יקן שטורעם;
צעברויזן מיט גבורה די טיפקייט פון גרונטן.
און הויבן פון כוואַליעס — צו הימלען אַ טורעם!

די וואונדער-בייט

אין האַרץ פון יעדן מענטשן
אַ וואונדער-בייט געפינט זיך,
וואו דורכזיכטיקע פלאַנצן צעוואַקסן זיך און בליען.
אַ מאַגיקער, אַ גערטנער, דאַ, אין בייט
האָט מענטשנ׳ס געפילן טיף פאַרזייט;
און דורך אָדערלעך פון פלאַנצן, די געפילן פאַרביק גליען.

אַ יעדער רעג און ציטער
פון בלעטלעך די דינע,
דעם מענטש באַווירקן, ווי פידל׳ס צאַרטער ניגון.
אַמאָל דערוועקן זיי אין אים
די מונטערקייט פון פריידן;
אַמאָל — אין טרויער וויג זיי טוען אים פאַרוויגן.

די בלום פון ליבע,
ווי רויז אין שענסטע פאַרבן,
פון דאָרט צעשפּרייט דערפרישנדיקע דופטן;
דער מענטש דערפילט
געוואַגטקייט אין די בלוטן,
ווי ער וואָלט פליגלען קריגן צו שוועבן אין דער לופטן.

און פריינטשאַפט- קוסט,
דער זאַפטיקער און גרינער,
אַ בלעטעלע צעשפּרייט פאַר יעדן פריינט געטרייען.
צעצווייגט זיך ברייט
משפּחה׳דיק צעוואַקסן;
צעשטראַלט זיך יום-טוב׳דיק פון יעדן שפּראָצעלע אַ נייעם.

נאָר וועלט פאַר מענטשן ווערט
מיט פינצטערניש פאַרצויגן,
ווען דופט פון ליבע פון האַרצן ווערט פאַרשוואונדן;
זיין האַרץ — צעשניטן
ווי פון שאַרפע מעסערס —
צעקראַמפּט זיך ווייטיקדיק פון נאָגענדיקע וואונדן.

און ווען פֿאַרטריקנט ס'ווערט
די פֿריינטשאַפֿט-גרינע בלעטער,
און געלקייט וואַרפֿט זיי פֿון צווייגעלעך צום באָדן —
אַ פּוסטקייט פֿילט דער מענטש,
פֿאַרלוירן ווי אַ יתום,
מיט טרויער קרייטעכער זיין האַרץ ווערט אָנגעלאָדן.

אָ, כישוף'דיקער גערטנער,
באַווייז אַ צווייטן וואונדער!
באַלעב דיין בייט מיט פֿרישקייט פֿון דופֿטן און קאָלירן;
זאָל פֿריינטשאַפֿט ווידער גרינען,
זאָל ליבע ווידער בליען,
און צאַרטקייט פֿון געפֿילן זאָל האַרץ פֿון מענטש באַצירן!

„נייוועלט״

ער מורמלט דער קעמפּ-טייך און שטיפֿט מיט די שטיינדלעך,
און פֿינקלט מיט שפּריצן געוועבטע מיט שטראַלן,
ווי ער וואָלט דערשפּירט אָט דעם פֿריידיקן יום-טוב,
וואָס שפּרייט זיך אין „נייוועלט״ אויף לאַנקעס, אין זאַלן;

עס ציט זיך דאָך „נייוועלט״, אויף בערג און אויף טאָלן,
פֿון בוימער געשאָטנט, פֿון זון-ליכט געוואַרעמט,
וואו אונזער קולטור און וועלטלעכער פֿאַרשריט
אין חבר'שער טריישאַפֿט זיי גייען געאַרעמט.

די קעבינס, ווי נעסטן פֿון פֿייגעלעך פֿרייע,
זיי רופֿן דעם פֿאָלקס-מענטש, פֿון אַרבעט אַ מידער —
קום ברודער, קום שוועסטער, פֿאַר דיר איז געגרייט דאָ
פֿאַר גייסט אַ דערפֿרישונג, און אָפּרו פֿאַר גלידער.

פֿאַר אידישע קינדער געגרייט איז מיט ליבע
אַ וועלטל אַ נייע — פֿאַר זיי אַ גן-עדן,
מיט פֿריילעכע שפּילן, מיט אידישע לידער,
אַ פֿרישקייט, מיט וועלכער ס'איז שווער זיך צו שיידן.

ס'איז „נייוועלט" אַ קינד פון דעם אידישן פאָלקס-מענטש,
באַהויכט פון זיין אָטעם, האָט „נייוועלט" צעבליט זיך.
די טרוימען, די קאַמפן פון פאָלקישן לעבן,
פון שטאָט צו דער גרינקייט פון „נייוועלט" עס ציט זיך.

דער הימל דער בלויער, די ווינטעלעך מילדע,
זיי זיינען די עדות פון המשך דעם גרויסן,
ווי פאָלקס-קאַמף פאַר יושר, פאַר קיום פון מענטשהייט
צעפלאַמט זיך אין הערצער אין ליכטיקן דרויסן.

סאַלוט דיר קעמפּ „נייוועלט", דו סימבאָל צעבליטער
פון פאָלקישן שטרעבן, פון זיינע באַגערן!
עס וועט נאָך אַ שיין טאָן אַ צוקונפט פאַר פעלקער,
ווי ס'שיינט אין דיין הימל לבנה און שטערן.

אַ ווינטער-פרימאָרגן

פרישער שניי ווי ווייסער פּוך
ליגט אויף גאַסן פון דער שטאָט;
שפּרייט אַ קלאָרקייט פאַרן אויג,
שפּרייט אַ ווייכקייט פאַרן טראָט.

שטויב — פאַרשוואונדן פון דער לופט.
אָטעם-צוג — געשמאַק און ריין.
ערד — אַ כלה אויסגעפּוצט,
שיינט מיט קלאָרן הימל-חן.

שפּיגלען שטראַלן פון דער זון;
יעדער שנייעלע — אַ פּונק.
עפּעס וואונדערלעכס דערציילן
ערד און הימל אויפן וואונק . . .

אַ בראשית'דיקע שפּיל,
ווען „כי-טוב" געווען איז וועלט.
און ווען פרידן פון באַשאַף —
דעם שעפערס שמייכל האָט געהעלט.

אַ מנוחה'דיק געזאַנג
פילט זיך אין דעם סקריפּ פון טריט,
שפּרייט דורך וואַרעמען געקלייד
שטילע שלוה און געמיט.

ס׳ווילט זיך מיר, „מה־טובו״־רייד
מורמלען אין דער ווינטער־קעלט.
שלום־דיר, מיין ברודער־מענטש,
זע, ווי ליכטיק ס׳איז די וועלט!

צו אונזערע קולטור־טרעגער

דער ריינסטער פון קוואַלן —
איז: ריינער געוויסן.
די לויטערסטע קלאָרקייט —
איז: קלאָרקייט פון וויסן.

און העלער פון זונען,
וואָס קרייזן אין רוימען,
עס זיינען דעם מענטשנס
צעליכטיקטע טרוימען.

פון בלומען איז שענער
אַ האַרץ אַ געבענטשט׳ס,
מיט מיטלייד און ליבע
צום ברודער, צום מענטש.

מיט ריינעם געוויסן
קולטור ווערט געשאַפן —
צו דינען דעם מענטשן
ווי מעכטיקער וואָפן.

מיט ליבע און טרוימען
האָבן גייסטיקע ריזן
די קונסט־ווערק באַשאַפן,
די גרויסקייט באַוויזן.

ווי דימענטן, בליציק
צעפינקלען די קרוינען,
אַזוי טוט אַ קונסט־ווערק
דאָס לעבן באַשיינען.

די גייסטיקע אוצרות —
אַ פרישקייט פאַרמאָגן,
ווי טויען וואָס פינקלען
אין שטילע פאַרטאָגן.

איז לאָמיר זיי טראָגן,
ניט ווערן פאַרמאַטערט.
ווי קעמפער די פאָנען,
אין הויכקייט צעפלאַטערט.

קומט זיך באָדן

(קינדער־ליד)

נו, קינדער קומט זיך באָדן;
ס'איז טייכל אַזוי קיל;
מיר וועלן דאָרט פאַרטראַכטן —
אַ פיינעם וואַסער־שפּיל.

אַ יאָג־טאָן זיך אין וואַסער;
אַ שווים־טאָן אין געוועט;
צו ליגן אויפן פּלייצע —
אָט־ווי באַ זיך אין בעט.

נאָר בענעלע, דעם קליינעם,
נעמט אויכעט מיט, מיט אייך;
און גיט נאָר, דאָרטן אַכטונג —
ווען בעני איז אין טייך.

פאַר וואַסער — האָט ער מורא;
ער ציטערט ווי אַ האָז;
ער וואַגט זיך ניט צו טונקען,
און מאַכן נאַס דעם נאָז.

ער דאַרף ניט האָבן מורא:
ס'איז וואַסער — ניט קיין בער;
איר דאַרפט אים נאָר אַ וויַיז־טאָן
ווי שווימען — איז ניט שווער.

איר לייגט אים אויפן וואַסער,
אויף הענט, ווי אויף אַ טיש;
און זאָגט אים, ווי באַוועגן —
מיט זיינע הענט און פיס.

ער האָט אַ גוטע קעפּל,
ער וועט עס גלייך פאַרשטיין;
זיין שרעק וועט ער פאַרגעסן —
און שווימען שוין אַליין.

ס'איז שווימען — אַ באַשיצונג
פון טיפעניש־געפאַר;
ווען כוואַליעס זיך צעלאָזן —
און גיבן בייז אַ שפּאַר.

אויך וואַסער גיט זיך אונטער —
ווען נאָר מ'שלאָגט צוריק;
ווען הענט דערלאַנגען קלאַפּטער,
און פיס—דעם שטאַרקן בריק.

איז, לאָמיר זיך דערפרישן;
ס'איז טייכל — אַזוי קיל;
זאָל יונגע פרייד זיך הערן —
אין פיינעם וואַסער־שפּיל.

עס דונערט אין וואַלד

ס'האָט אַ דונער מיט אַ ברומען
פון צערייצטע טויזנט לייבן,
איבער הימלען זיך צעלאָזן —
וואַלד דערשרעקן, וואַלד פאַרטויבן.

האָבן גיך צעוויגט די בלעטער
ביימער פון דעם וואַלד דעם אַלטן
אין איר נעסט אַ מאַמע־פויגל
האָט די קינדערלעך באַהאַלטן.

און אַ העזעלע פאַרטייעט —
שפּיצט מיט ציטער לאַנגן אויער;
אָט, וועט בליץ מיט אַ צעשמעטער
באַלד צעפּראַלן הימלס טויער.

וועט זיין פּלאַם, דער העל צעגליטער,
פון די ווייטע, ווייטע הויכן
אין אַ רגע, אין אַ בייזער,
אויך דעם ליבן וואַלד דערגרייכן?

וועט ער מיט זיין שפּיץ פאַרשאַרפטן
ווי אַ פייל אַ האַרץ צעשטעכן?
וועט זיין קלאַפּ פון פייער האַמער,
אַלטן דעמב אין וואַלד צעברעכן?

אָדער גאָר אין וואַלד צעצינדן
בלוטיק-רויטע קנוילן פלאַמען?
ווער-זשע וועט דעם פייער לעשן?
ווער-זשע וועט דעם פייער לעשן?

ציטערט העזעלע אין אַנגסטן
הערט דעם דונערדיקן ברומען.
הערצל זיינס פון מורא פלאַטערט:
וואָס וועט קומען? וואָס וועט קומען?

נאָר פון וואַלד דער וועכטער שלאָפט ניט!
שטעלט אַ שטאַנג — פון בליץ פאַרהיטן . . .
העזל פלוצלינג זעט אַ וואונדער:
וואַלד האָט אומגליק אויסגעמידן!

מערץ־ווינטן

דורך דער שטאָט'ס צעצווייגטע גאַסן
האָט אַ וויכער זיך צעלאָזן.
מערץ, האָט פון טיפע היילן,
זיינע ווינטן צעבלאָזן.

מערץ דערשמעקט האָט אין דער לופטן —
פרישער פרילינג גרייט זיך קומען;
וויל ער ווינטער נאָך דערהאַלטן
מיט זיין ווינטיקדיקן ברומען.

רייסט ער דעכער מיט געבייזער;
וואַרפט מיט צאָרן שווערע שילדן.
ער פאַרמעסט זיך צו דערשרעקן
מיט זיין גבורה פרילינג מילדן.

מענטש פון ווינטן כאַפּט אַ ציטער;
צו די ווענט פאַר שוץ זיך טוליעט.
שוואַכע הערצער קלאַפּן האַסטיק . . .
מערץ — דער לייב האָט זיך צעהוליעט!

נאָר פון אויבן גרויע הימלען
ווי דורך כישוף בלוילעך ווערן.
זון צעשטראַלט זיך מיט אַ שמייכל —
קענסט דעם פרילינג ניט צעשטערן!

הינטער שטאָט שוין גרינט אַ גרעזל;
אייז פון טייכן ווערט צעגאַנגען.
צו דעם אָנקום פון דעם פרילינג
טרילט אַ פויגל צאַרט געזאַנגען . . .

אַמאָל אין פרימאָרגנס

אין אַמאָליקע מאָרגנס פון קינדערשע יאָרן,
מיט באָרוועסע פיסלעך געקילטע פון טויען —
צו שחרית אַ פלינקער איך האָב דאַן געשפּרונגען,
באַגלייט האָט מיך הימל מיט חסד, מיט בלויען.

געעפנט דעם סידור: און פרייד פון „מה טובו"
האָט גלייך זיך פאַרוועבט מיט דעם טאָג, מיט דעם יונגן.
עס האָבן די שורות מיין הערצל געמונטערט;
און הויך פון פרימאָרגן געפרישט מיינע לונגען.

איז וועלט געוועזן ליכטיק, איז וועלט געוועזן פריילעך.
צום לעבן געעפנט האָט אַ אינגל די אויגן.
ווי אַ הירשל געשפרונגען, מיט שטראַלן געשפילט זיך;
מיט הענטלעך צעשפרייטע ווי פויגל געפלויגן.

גאָר אָפּט האָבן צייטן זיך שטורמיש צעווילדעט.
געצילט אַלץ די טעג פון מיין לעבן פאַריאָגן.
נאָר קראַפט האָט געפעלט זיי — פאַרווישן די שפּורן
פון יונגע צעהעלטע פאַרטאָגן,

פון יוגנט ביז עלטער — איין טעפּיך געוועבטער
פון פעדים קאָלירטע אויף וועגיקע מיילן.
צו דער זון דער צעשטראַלטער מיין אויג ווע‏ט זיך ציען —
ווי לאַנג אונטער הימלען איך וועל נאָך פאַרווײלן . . .

צ י י ט י ק ע פ ר ו כ ט

מענטשן יונגע, פול מיט מוט,
אויף אַן איינזאַם-ווייטן פעלד,
האָבן קערנער איינגעזייט —
און דער ווינט האָט עס פאַרווייט...

ניט געפאַלן איז דער גייסט
אין די יונגע הערצער דאַן
מיט עקשנות, בייט פאַר בייט —
האָבן ווידער זיי פאַרזייט . . .

נאָכגעגאַנגען זיי אין טראָט —
איז דער בייזער שונא-ווינט:
ער האָט ווידער אַלץ פאַרווייט —
און די קערנער ווייט צעשפּרייט...

און אַזוי, געביטן זיך —
האָבן מענטש און ווינט צוגלייך:
דער געזייט, און דער
פאַרווייט . . .
און די צייט — דערוויילע גייט.

יאָרן זיינען שנעל אַוועק,
אויף דעם פעלד וואו מענטש
און ווינט,
האָבן זייער קראַפט געפּרוואוט —
שפּרייט זיך איצט — אַ בלומען-
דופט . . .

פלאַנצן הויכע האָבן ברייט —
זייער שאָטן אויסגעשפּרייט,
פרוכטן צייטיק, ווייס און רויט —
פילן אָן אַ-יעדע בייט . . .

און די גערטנער שטאָלץ, דאָך
שטיל —
גייען-אום פון בייט צו בייט,
בליקן איבער יעדן קווייט —
און צו נייער אַרבעט גרייט . . .

און דער ווינט — ער שטערט
ניט מער —
מאַכטלאָז בויגט ער יעדן צווייג,
דאָך, ווי שנעל ער איז פאַרביי —
גלייכט זיך אוים דאָס פעלד
— אויף ס'ניי . . .

ד ע ר צ ו ג

דער צוג איז שוין פאַרטיק,
און גיט אַ באַוועג זיך.
פון שטאָט, מיט אַן אימפּעט —
אַ יאָג-טאָן אין וועג זיך.

די רויכיקע קנוילן,
צעוואָרפט ער אויף דעכער.
אין הויכקייט צעשפּרייט ער,
פון פאָרע אַ פעכער.

נאָך גאָר שטאַרק איז געפילדער
פון שטאָטישע מאַסן,
און הויך זיינען הייזער
פון שטאָטישע גאַסן.

זיין רעדער-גערודער,
צעקלאַפּט זיך אָן מויער.
זיין פייף ווערט פאַרשלונגען —
אַ ווייל איז זיין דויער.

די שטאָט הערט מיט גלייכגילט
זיין רופן, זיין בלאָזן.
די שטאָט וויל וואָס גיכער,
ער זאָל זי פאַרלאָזן.

גאָר אַנדערש נעמט אויף אים —
די ברייטקייט פון ווייטן,
און אַנדערש מען הערט דאָרט
זיין פייף דעם פאַרשייטן.

די רואיקע שטחים,
פאַרגאַפט פון זיין איילן,
צעטראָגן מיט שמחה —
זיין פייפן פאַר מיילן.

דאָרט וועקט זיין גערודער
די פעלדער, וואָס שלאָפן.
דער הימל זיין בלויקייט,
די קלאָרע מאַכט אָפן.

די לאָנקעס דערוואַכן
פון דרעמלענדיק שווייגן;
די בוימער באַלעבטע —
צעוויגן די צווייגן.

פון ווייטע וואַגאָנעס,
דער בלענד פון די שויבן
צעטראָגט זיך אין לופטן
ווי פלאַטער פון טויבן.

או־הו — טראָגט אַן עכאָ:
אַ גאַסט איז געקומען!
און פריידיק זיך שושקען
די גראָזן און בלומען.

אַ ווינטל, ווי אַ הינטל —
נאָך רעדער צעיאָגט זיך.
נאָר צוג איז שוין ווייטער —
צום ציל זיינעם טראָגט זיך.

האַרבסטיקע פרייד

וויפיל פאַרביקע פרייד
אין האַרבסטיקער וועלט —
עס ליגט אויסגעשפּרייט
אויף בוימער און פעלד!

כאָטש זומערדיק בלי
עס האַלט אין פאַרגיין;
און קאַלטקייט פון ווינט
קריכט טיף אין געביין;

כאָטש קירצער עס ווערט שוין
דער דויער פון טעג;
און ווינטער שוין גרויט
דאָרט ערגעץ, אין וועג.

די בוימער, גאָר זיינען
אין יום־טוב געהילט;
מיט בלעטער געשימער
פיל־פאַרביק צעשפּילט.

אַ צויבער־מאָזאַאיק
פון פאַרב און קאָליר,
וואָס בייט זיך אָן אויפהער
מיט בלעטער־געריר.

אָט פינקלט אַ בלעטל
און גאָלדיק צעגליט;
אָט פֿלעמלט אַ בלעטל
ווי קופער צעשמידט.

און אַט, גיט אַ פלאַטער
פון רויטקייט אַ שיין,
און פֿאַרט זיך מיט פלעקן
פון זאַפטיקן וויין.

אַט האָט גאָר, אַ בלעטל
זיך פריילעך צעטאַנצט,
מיט גלוסטיקער געלקייט
פון פּאָמעראַנץ.

ווי ס׳וואָלטן דאָ, בוימער
אַ סעודה סערווירן —
מיט שפּייזן, געווירצטע
מיט זאַפט פון קאָלירן.

צו פייערן יום־טוב
וואָס זומערדיק בלי —
געבענטשט איז געוואָרן
מיט צייטיקייט־גלי;

און זייערע פרוכטן,
אויף טישן געגרייט —
פאַרשפּרייטן די דופטן
פון זאַפטיקער פרייד.

עס שפּרודלט דער נחת
פון בוימער — צעקוועלט;
מיט מאַמע׳שע ברכות
געשיקט צו דער וועלט.

שנייעלעך

(געווידמעט די קינדער פון די
אידישע שולן)

פרישינקע שנייעלעך,
ווייכינקע פוכעלעך קליין.
ווייסינקע, לייכטינקע
גלאַנצן ווי שטערנדלעך שיין.

טאַנצנדיק, שטיפנדיק
פאַלן פון הימל געדיכט.
גלעטן מיך, קושן מיך,
טוליען זיך צו מיין געזיכט.

שנייעלעך — פלאַטערלעך
לעבן אַ ווײַלינקע בלויז.
צאַנקען באַלד, שמעלצן זיך,
רינען ווי טרערעלעך אויס.

טראָפּעלעך קליינינקע
פאַלן אַראָפּ אין דער שטיל.
אַט אַזוי, קינדערלעך,
ענדיקט זיך שנייעלעך־שפּיל.

אייך אָבער, ליבינקע,
רופן דאָך יאָרן נאָך פיל.
שפּילט זשע זיך לאַכנדיק
פריילעכע, לוסטיקע שפּיל.

אין אַ זומער־טאָג

ס'איז גוט אַזוי זומער,
פון שטיקנדיקער שטאָט —
צו רחבות פון פעלדער,
אַ ווענד־טאָן דיין טראָט.

וואָס ווייטער פון גאַסן —
אַלץ גרינער די גראָז;
און ווינטל ווערט פרייער —
צו געבן אַ בלאָז.

מיט דאָרשט ציען לונגען
די פרישקייט פון לופט;
און אָטעם דערקוויקט דיך
מיט שאַרפקייט פון דופט.

דיין בליק גיט אַ וואַנדער
אין ברייטן אַרום;
און שפילט זיך מיט פאַרבן
פון פלאַנץ און פון בלום.

און אָט, צווישן קוסטעס
אַ טייכעלע קוועלט;
עס איילט זיך צו ערגעץ —
אין פרייקייט פון וועלט.

פון ווייטן געטוליעט
צום וואַלדיקן זוים —
אַ לאַנקע ליגט רואיק,
פאַרוויגט אין אַ טרוים.

אויף פאַשע געלאַסן —
עס בלאָנקעט אַ קו;
און ס'טראָגט זיך, צעצויגן,
פון בענקשאַפט, איר „מו״ . . .

אַ פויער, געבויגן,
אין שירעמ'דיקן הוט —
זיין מי טוט באַטראַכטן:
צי וואַקסט עס נאָר גוט.

אַ בין קומט צופליען
מיט פליגל־געזשום,
און גנב'עט פון בעכער
די זאַפטן פון בלום.

אַ בילד פון „בראשית״
פאַר דיר ווערט אַנטפלעקט,
מיט חופה, מיט בלויער,
פון הימל באַדעקט.

אַ פרידלעכע שלווה
פאַרוויגט דיין געמיט;
און בענטשט די מנוחה,
וואָס רחבות דיר גיט.

דו לייגסט זיך, אין שאָטן
פון בוימער פאַרטראַכט:
פון וואונדער פון לעבן,
פון וועלט און איר פראַכט.

בוימער באַנאַכט

איך ווייס ניט צי בוימער
באַוואוסטזיין פאַרמאָגן;
צי וואָרצלען דורך צווייגן
געדאַנקען צעטראָגן.

נאָר ס'האַלט מיך פאַר'כישוף'ט
אין שעה, אין דער שפּעטער,
דער ווייכער געפּליסטער
פון זייערע בלעטער.

ווען הייזער שוין שטייען
מיט ריגלען פאַרשלאָסן
און מענטשן שוין שלאָפן
מיט לאָמפּן פאַרלאָשן.

ווען ס'קומט די לבנה
אויף בוימערשע שפּיצן
און נעמט מיט איר זילבער
די בלעטער באַשפּריצן, —

דאַן, דוכט מיר, ווי אומרו
וואָלט בוימער באַפאַלן,
פון אָט-דער באַרירונג
מיט בלאַסקייט פון שטראַלן.

אַ ציטער-געפּלאַטער
צעטראָגט זיך פון צווייגן;
אַ מורמלען דערהערט זיך
אין נאַכטיקן שווייגן.

און בלעטער צו בלעטער
עס נעמען זיך טוליען,
ווי ס'וואָלטן געפילן
אין זיי זיך צעהוליען.

און זיי וואָלטן זוכן
אינאיינעם זיך ווערן
אַנטקעגן דערוואַכטע,
געהיימע באַגערן.

און ס'דוכט מיר: איך הער איצט
מיט אויער געניטן
ווי פליסטער פון בלעטער,
מיט זיפץ ווערט פאַרביטן.

די שטראַלן אויף בלעטער
פאַר'חלום'טע ליגן.
און בלעטער פאַרבענקטע
אין צאַרטקייט זיך וויגן.

די אויגן פאַרגאַפטע
צעברייטערט איך עפן.
דעם סוד פון דער זעאונג
עס ווילט זיך מיר טרעפן.

צו-וואָס בין איך עדות —
אין נאַכט, אין דער שטומער:
צו לייכטקייט פון פריידן?
צו שווערקייט פון קומער?

דער צער פון דער וועלט

דער צער פון דער וועלט
הילט־איין מיין געמיט;
כאָטש גרין זיינען גראָזן,
און פלאַנצן צעבליט.

ווען ווינטל, די בלעטער
פון בוים גיט אַ רעג,
מיין האַרץ טוט אַ פלאַטער;
מיט ציטער — איך פרעג:

אָך, וואָס פאַר אַ בשורה
האָט ווינט זיי געבראַכט?
צי אפשר צעצונדן
האָט זיך שוין די שלאַכט?

אָט יענע, וואָס שנאָה
האָט פלייסיק געגרייט,
די וועלט צו פאַרשטומען
מיט שווייגן פון טויט?

ווען טונקעלער וואָלקן,
אין מיטן פון טאָג —
אויף קלאָרקייט פון הימל
געשווינט טוט אַ יאָג.

עס שרעקט מיך זיין שוואַרצקייט,
וואָס בלויקייט פאַרשטעלט;
מיר דוכט, אַז ער טראָגט שוין
דעם טרויער פון וועלט.

ווען בלימל אין גאָרטן
מיט שטענגל־געבויג,
טוט פאַרביקע קעפל
צום באָדן אַ נויג.

מיר דוכט, אַז דער צער
ער שווערט איר צו דר'ערד;
פאַר מענטשלעכע בלימלעך
פאַרשניטן פון שווערד.

פאַרשטערט איז די שמחה
פון צווייט אין צעבלי,
ווען חורבן עס גרייט זיך
פאַר מענטשלעכער מי!

דאָך, גורל פון מענטשן —
אָן מענטש איז געווענדט;
איז שטרעק איך, מיט רחמים,
צו זיי — מיינע הענט.

אויף זיילן פון שלום
איז לעבן געשטעלט;
זאָל חסד פאַרבייטן —
דעם צער פון דער וועלט.

זאָל שווערד זיין באַהאַלטן
אויף אייביק אין שייד,
און אומקערן וועט זיך
צום לעבן — די פרייד!

איך הויב מיינע אויגן

איך הויב מיינע אויגן צום הימל
וואָס שפרייט זיך מיט חסד אין הויכן,
און זע דאָרט, אַ „פליענדיקע פעסטונג״ —
עס יאָגט זיך, דעם טויט צו דערגרייכן.

וואָס גיכער צו ברענגען די וואָפן —
דעם מלאך פון טויט, אין די הענט . . .
וואָס גיכער צו זען, ווי דער פייער
די פרידלעכע דערפער פאַרברענט . . .

איך הויב מיינע אויגן צו ווייטע,
באַגרינטע, און באַרגיקע קייטן —
און זע דאָרט, אַ האַוויצער שווערן,
פאַר חורבן, פאַר אָפּוויש, געגרייטן . . .

איך קער מיינע אויגן צום ים־צו,
דעם שטילן, דעם טיפן, דעם ברייטן —
און זע דאָרט, פון שיפן וואולקאַנען
מיט לאַווע, פאַר טויזנטער טויטן . . .

טויט, טויט, טויט —
פון שווערדן, פון שפּיזן, פון קוילן
טויט, טויט, טויט —
אין שוידער, אין אימה, אין גרוילן.

אַ שעכט-הויז אויף הונדערטער מײלן! . . .
די הענדלער פון טויט די הענט איצט צעפּירן:
דער גרויסער יאַריד, איז געקומען . . .
מען טאָר אַ מינוט ניט פאַרלירן! . . .

אַ גאָלדענער מאַרק-טאָג, זײ שמײכלען צופרידן;
זײ לויפן פאַרהאַװעט, זײ לויפן פאַרשמאַיעט;
און גליקלעך זײ צײלן דעם רעװאַך, דעם גרויסן,
אַהינטער די בערג פון הרוגים — פאַרטאַיעט . . .

אָ, מענטשהײט, דערזע די סכנה!
געבענטשט זאָלן זײן די װאָס בלאָזן טראָמפּײטן;
װאָס װעקן די פעלקער פון שלאָף צו דערװאַכן,
און מעכטיקן רוף פאַר פרידן — צעשפּרײטן.

מיליאָנען מענטשן, מיט ציטער אין האַרצן,
מיט ברויזיקן צאָרן — געלײגט האָבן חתימה:
ניט מער זאָלן פעלקער אויף גאָלדענעם מזבח —
ניט זײן שוין די עולה . . . די תמימה . . .

די הענדלער פון טויט — פון טעמפּל פון לעבן
פאַרשטויסן, פאַריאָגן, פאַרטרײבן;
און פעלקער אין זיכערן שלום —
זײ זאָלן צום לעבן — פאַרבלײבן!

געקרייציקטע

פאַרבענקטע אויגן הויבן זיך צו „אים"
מיט ליבע און מיט שטיל געוויין,
ווען „ער", געקרייציקט אויף די ווענט,
הענגט אויסגעשטעלט אויף האָלץ און שטיין.

און „ער" האָט דאָך בלויז איין מאָמענט
געטרונקען פון דעם כוס פון פּיין,
און איז מיט אַ מאַרטירער־קרוין
דערפאַר אין אייביקייט אַריין . . .

נאָר די, וואָס טראָגן שטיל דעם קרייץ
אין זייערע אייגענע פיר ווענט,
און ניט נאָר רגע'ס — גאַנצע יאָרן
אין אַנגסטן זייער הארצן ברענט,

צו זיי קומט קיינער ניט מיט קרענץ
באַצירן ליבלעך דעם געצעלט,
נאָר איינזאַם לעשן זיי זיך אויס,
ווי שטערן אין חלל פון דער וועלט.

צו די קעמפער פאַר שלום

ניטאָ נאָך אַזעלכעס,
וואָס וועגט אַזוי שווער,
אויף וואָגשאָל פון רחמים —
ווי מענטשלעכע טרער.

ווען פּיין פון נשמה,
ווען אויסדרוק פון צער,
דורך קוואַליקע טרערן,
פון אויג טוט אַ שפּאַר. —

בלייבט הארץ נאָך פאַרביטערט
מיט ווייטיק געפילט;
פון אַנגסטן דער ציטער
נאָר ווערט ניט געשטילט . . .

עס מוז שוין אַ מענטש זיין
באַלאָדן מיט זינד —
אַז ער זאָל צו טרערן
פון מיט־מענטש זיין בלינד.

נאָר ווען אין דעם אימפּעט
פון יאָגן נאָך מאַכט,
אין הארץ פון דעם מענטשן
די חיה דערוואַכט —

איז ניט נאָר די טרערן,
נאָר מענטשלעכע בלוט
וועט אים ניט פאַרהאַלטן
אין ווילדן מאַרשרוט . . .

עס האָט שוין באַגריפן
דער מענטשלעכער מין —
פון פרידן — די ברכה
פון פריינטשאַפט — דעם זין.

אין מבול פון טרערן —
עס טרינקט זיך די וועלט;
נאָר צייכן פון פרידן
אין הימל — נאָך פעלט . . .

טאָ־זאָל זיך צעשיינען
דער פאַרביקער בויגן . . .
און אָפּווישן טרערן —
פון מענטשלעכע אויגן . . .

אויפן שויס פון דער נאַטור

אין שעה'ן אין שטילע מיט מנוחה געבענטשטע,
ווען איך בין אַ חבר צו ביימער און גראָזן,
ווערט בליק מיינס געלייטערט אין לופטיקער פרישקייט,
אין מידקייט פון גלידער די ווינטלעך צעבלאָזן.

עס יום־טוב'ט דאָ פרידן אויף לאָנקעס צעגרינטע,
אַ גרעזל־צו־גרעזל צעיאָגט זיך פאַרהאַוועט.
די ביימער — אַ שכונישן שמועס זיך פירן,
און ניגון פאַרטרווילעך די קעפּ קוטשעראַווע.

די ערד — אָנגעזעטיקט מיט מאַמע'שער גוטסקייט,
האָט פריידיק צעעפנט די זאַפטיקע קוואַלן.
איר שפע פאַרטיילט זי צו פלאַנצן־משפחה,
מיט פנים צעהעלטן פון זוניקע שטראַלן.

דער הימל צעליכטיקט ווי העל־בלויע חופות,
פאַרגאַפּט מיינע אויגן מיט טיפקייט פון רוימען.
אָט־דאָ איז דער אור־קוואַל פון רואיקן לעבן,
און דאָ, איז געבורט־אָרט פון פריידיקע טרוימען.

איך זאַפּ אין זיך איין אָט־די פרידלעכע בילדער
און וועל זיי אויף שטאָטישע גאַסן צעפאַרבן.
וועט מענטש זיי באַטראַכטן, און צאָרן דערפילן —
צו די, וואָס זיין לעבן, מיט רשעות פאַרדאַרבן.

דיכטער מיט קרוינען

בײַ זיי — פֿאַרט די מוזע צוריק פֿון יאַריד,
און פּוסט איז די קרעטשמע בײַ דיכטער מיט קרוינען;
און טאָמער פֿאַרציט שוין דאָרט איינער אַ ליד —
דערהערט זיך אַ העשען פֿון פֿערזן, וואָס וויינען . . .

בײַ זיי — איז דער פֿינצטערער קץ שוין געקומען,
צום אונטערגאַנג שלעפּט זיך דער הייליקער אייזל;
זיין רייטער, משיח, וועט אויפֿלעב ניט ברענגען;
באָס ראַנד פֿון דעם אָפּגרונט איז אומקום — דערלייזונג.

אין שופֿר, אין שוואַרצן, זיי בלאָזן יללה,
און פֿירן צו קבורה דעם מענטש און זיין שטרעבן;
זיי האָבן בלויז סם און ביטערע קללה —
פֿאַר שפּראָצן, וואָס גרינען אויף בייטן פֿון לעבן.

צווישן זיך און דאָס לעבן — זיי שטעלן אַ וואַנט,
און מורמלען מיט דבקות אַ שיר — ווי אַ תּפֿילה;
און עס שפּיגלט די פּען, וואָס זיי האַלטן אין האַנט,
דעם אָפּגלאַנץ פֿון שאַפֿונג, וואָס האַלט בײַ נעילה . . .

אונזער וועלט

אַ, וועלט אונזערס, שיינע!
אַ, וואונדערלעכע וועלט!
די זון, אַזוי וואַרעם
און ליכטיק צעהעלט;

די הימלען, ווי חופּות,
ווי בלאָע — באַדעקן
די ערד, די צעבליטע
אין אַלע פֿיר עקן;

די בוימער־גיגאַנטן,
די גרעזעלעך גרינע;
די פֿאַרביקע בלומען
מיט בלעטעלעך דינע —

זיי אַלע — זיך שפּיגלען
אין מענטשלעכע אויגן.
בלויז מענטש, האָט דיין צויבער
אין זיך איינגעזויגן.

בלויז ער האָט די וואונדער
אַנטדעקט פֿון זיין וועלט;
פֿון טריט, נאָך די ערשטע —
וואָס ער האָט געשטעלט.

איצט לויערט אַ שונא
אויף מענטשלעכן לעבן;
ער וויל אים, אין שאָטן
פֿון אומקום פֿאַרוועבן . . .

דעם מענטשנ׳ס געלעכטער —
אויף אייביק פאַרשטומען;
און, תהו ובהו
זאָל נאָכאַמאָל קומען . . .

אַזוי ווי בראשית:
אין פוסטקייט פאַרשטילטער
וועט שוועבן דער אור-אַלט
אין שווייגן פאַרהילטער . . .

אויב מענטש ווערט פאַרניכטעט,
אין העלישן צונטער —
אַ, וועלט, אויך דיין זכר,
אויף אייביק גייט אונטער! . . .

נאָר מענטש וועט דעם שונא
פון לעבן באַצווינגען!
און ווייטער דיין וואונדער,
דיין שיינקייט — באַזינגען! . . .

די געבענטשטע טויב

דער מבול איז געקומען
דעם מענטשן דערטרינקען;
זיין בליענדיק לעבן
אין תהום׳ען פאַרזינקען.

פון ערדישן פנים
דעם קיום פאַרטריבן;
די תבה פון נח
איז בלויז נאָר פאַרבליבן.

אַן איינציקער פינטל —
פון לעבן אַ צייכן —
געשוואומען איז אונטער
אַ הימל אַ בלייכן.

די זון האָט פאַרזיגלט
די ליכטיקע קוואַלן;
זי וויל ניט אין וויסטקייט
צעוואַרפן די שטראַלן.

עס פינקלען ניט שטערן,
ווי זיי וואָלטן פילן:
זיי קענען אָן לעבן
מיט שיין זיך ניט שפילן.

אויב ערד איז פאַרשאָלטן
און קען מער ניט בליען —
זאָל גאַנצער יצירה
דער חושך פאַרציען!

האָט ווינט זיך גענומען
די וואַסערן צאַמען;
זיי טרייבן אין טיפקייט
פון ענדלאָזע ים׳ען.

ביז נח דערשפירט האָט
אין קאַסטן פאַרשפאַרטן,
ווי דעק האָט באַרירט שוין
אַ באָדן אַ האַרטן.

און ער האָט דורך פענצטער,
מיט גרויליקן ווייטיק,
באַטראַכט ווי די ערד איז
אָן לעבן און קויטיק.

האָט נח פון תבה
צעעפנט די ריגלען.
געשיקט אין דער לופטן
אַ טויב זיך צעפליגלען.

צי וועט זי אין ערגעץ
אַ סימן געפינען?
אַז לעבן וועט ווידער
אויף ערד זיך צעשפּינען.

און זי האָט געבראַכט אים
אין שנאָבעלע דינעם —
אַ שפּראָץ פון אַ בלעטל,
אַ פרישן, אַ גרינעם.

דערפרייט, האָט איר נח
באַדאַנקט מיט אַ בענטשונג:
איר מין זאָל אויף אייביק
באַליבט זיין באַ מענטשן.

פון טויבן דער פלאַטער
זאָל שפּילעוודיק שוועבן;
און זיין ווי אַן אָנזאָג
פון פרידן און לעבן.

צו די טויכער

איר טויכער געוואָגטע,
וואָס שפּרינגען פון שיפן
צו פאָרשן און זוכן
די ים׳יקע טיפן —

אייך שרעקט ניט די מורא
אין ים לאַבירינטן —
צו טרעפן דעם מאָנסטער,
דעם שאַרק, דעם געשווינטן;

צו ווערן פאַרכאַפּט אין
אָקטאָפּוס קנוילן,
די בלוטיקע בריאה
פון תהום׳ישע גרוילן . . .

אייך בינדט נאָר צום לעבן
בלויז אָטעם פאַר לונגען . . .
און תפילה — פון אָפּגרונט
ניט ווערן פאַרשלונגען . . .

אָבי נאָר געפינען
די אוצרות דערטרונקענע
פון שיפן פאַרלוירענע,
פון שטורעם געזונקענע . . .

אָ, טויכער געוואָגטע,
און מוטיק ווי לייבן —
אַרויס פון דער פינצטער
צו זון־שיין פון אויבן!

עס שפּרייט זיך די ערד דאָך,
מיט שוויים אַ פאַרזייטע,
אַ פולע מיט אוצרות
פון דורות פאַרגרייטע.

נאָר רשעות און גזלה
האָט הערשער פאַרדאָרבן:
פאַר זיך — די עשירות,
דאָס פאָלק — איז דער קרבן . . .

איר שרעקלאָזע טויכער,
קומט — רויבער פאַרניכטן;
פאַרלאָזט אייער זוכן
אין ים׳יקע שיכטן.

מיט אייער געוואָגטקייט
קומט — העלפן באַזאָרגן,
פאַר אייך און פאַר יעדן,
אַ פריידיקער מאָרגן . . .

פאַר וואָס און פאַר וועמען?

פאַר וואָס און פאַר וועמען
צעשטויבט ווערט די ערד
פון פעלקער פון פרעמדע,
דורך פייער און שווערד?

זאָל חיה געצוימט זיין
מיט אייזערנער קייט;
און פליגל צעבראָכן
באַם מלאך פון טויט.

ס׳ליגט מענטשלעכער קיום
אויף וואָגשאָל פון געלט;
פאַר מאַכט און פאַר רייכטום —
אַ קרבן — די וועלט!

קערט אום צו דעם מענטשן
זיין לעבן פון שלום,
און רויבט ניט בײַ פעלקער
פון פרייהייט דעם חלום!

מוז איצטער זיך הערן
דער ערלעכער קול,
ווי קלאַנגען פון גלעקער
אויף באַרג און אין טאָל.

וועט וועלט ווי אַ מוטער
מיט אָרעמס צעשפּרייט
די מענטשן, ווי קינדער
צו טוליען זיין גרייט!

ברייטע שליאַכן

אויף שליאַכן, אויף ברייטע
עס פירט מיך מיין ציל.
אַוועק פון דעם גליוועך,
וואו לעבן איז שטיל.

איז מענטש דען באַשאַפן
פאַר ענגע פיר ווענט,
ניט קענען צעפירן
מיט ברייטקייט די הענט?

וואו קליין דער פאַרלאַנג איז
און שמאָל דער באַגריף.
וואו בליק איז באַגרענעצט —
ניט ברייט און ניט טיף.

ניט הערן פון שטורעמס
דעם מעכטיקן ברום,
ווי ס׳רייסט זיך צום לעבן
דער גאַנצער אַרום?

פיר איילן אין שטח
דערגרייכט האָריזאָן,
און „לאָז מיך געמאַך״
איז לאָזונג אויף פאָן.

אין מיר האָבן שטורעמס
געוואַגטקייט געוועקט,
צום ברויזיקן לעבן
כ׳האָב הענט אויסגעשטרעקט.

אָן־סוף איז די וועלט דאָך,
אומענדלעך דער רוים,
צעשפּרייט זיינע פליגלען
פון ליכטיקן טרוים.

עס האָט מיך געצויגן
צו גאַסן, צו ברייטע;
צום פלאַמיקן צונטער
פון פאָנען צעוויטע.

מיט מאַסן געגלידערט
אין הילכיקן גאַנג;
מיט מונטערע לידער
פון צוקונפט געזאַנג.

מיין האַרץ ווערט צעליכטיקט,
ווען פעלקער דערוואַכן,
און ס'וואַקסן די מחנות
אויף ברייטקייט פון שליאַכן.

איז גיי איך צוזאַמען
מיט דזשאַנען, מיט סטאַכן:
אין אויער עס קלינגען
פיל-בלומיקע שפּראַכן.

ניט פרעמד זיינען ווערטער,
ווען הערצער זיי בינדן;
ווען אויגן מיט פונקען
פון שטראַלן זיי צינדן . . .

אין ווייטקייטן בלאָע
עס ציט זיך דער וועג,
וואו ס'בליען די צייטן
מיט בונטיקע טעג;

וואו ס'לויכט שוין דער שימער
פון אייביקן שלום;
וואו וואָר האָט באַלעבט שוין
פון דורות דעם חלום.

צו איך געוואַגטע — מיין ליב-געזאַנג

צום ערשטן פון מענטשן,
דעם אָדם, דעם הוילן,
וואָס האָט אין זיין אור-צייט
געלעבט נאָך אין היילן;

און האָט מיט געוואַגטקייט
אין האַנט בלויז אַ שטיין —
קעגן חיה געשטעלט זיך,
קעגן נעגל און ציין.

צו אים און זיין גבורה,
מיין ערשטער געזאַנג:
פאַר מוט, וואָס באַשטראַלט האָט
דעם מענטשלעכן גאַנג.

צו איר, צו דער חוה —
די ערשטע פון פרויען,
וואָס האָט, אויך די געטער
געוואַגט ניט צו טרויען;

מיט טראָציקן נייגער,
די „עפּל פון וויסן"
פון „בוים וואָס פאַרבאָטן"
האָט מוטיק געריסן.

דעם טראָט, גאָר דעם ערשטן
געמאַכט האָט זי דרייסט
אויף שטאַפּלען פון לייטער
פון מענטשלעכן גייסט.

און נאָך זיי — מיליאָנען
מיט דרייסטקייט באַפליגלט,
עס האָבן דעם מענטשנ'ס
פאַראויסמאַרש געזיגלט.

דורך גרעסטע עינוים
זיי האָבן אָן וואַקל,
פון האַנט ניט געלאָזן
דעם ליכטיקן פאַקל.

ניט שונא געקאָנט האָט
דעם שטאָלץ באַ זיי בויגן,
ניט פּיין געקאָנט לעשן
דאָס ליכט פון די אויגן.

איז זינג איך, צו אַלע —
די גייסטיקע ריזן,
וואָס האָבן די דרייסטקייט
פון מענטשן באַוויזן;

און שטענדיק גערופן
אין ליכטיקע ווייטן;
צו שענערע וועלטן,
צו גליקלעכע צייטן.

פון זייער געוואַגטקייט —
חלומות צעבליען,
וואָס פליגלען דעם מענטשן
אין הימלען צו פליען;

צו לויטערער בלויקייט
פון חופות צעשפּרייטע;
צום שטראַליקן שימער
פון זונען צעזייטע.

מיט חסד פון הימלען
די ערד צו באַקליידן;
און בענטשן דעם מענטשן
מיט פרידן און פריידן.

מיט זיכערע טראָט

אָ, מענטש, ווען אין גאַנג
צו שענערע טעג
דיין טראָט עס ווערט מיד,
און שווערער ווערט דער וועג;

דיין בליק שוועבט אַרום,
ווי לאַנג איז דער גאַנג
און פרעגסט אין דער שטיל:
צו קומען צום ציל?

פאַרליר זיך ניט, פריינט!
אָט מיד, ווי דו ביסט —
ניט טראַכט, אַז דיין גאַנג
געווען איז אומזיסט.

ניט קוק אויף צוריק!
דער נעכטן דאָרט ליגט,
אָט-דער, וואָס אויף פעדים
דיין טרוים האָט צעפליקט...

ווען ציל קוקט אוים ווייט,
אין שווערער מינוט —
דערפריש דאַן דיין גייסט
מיט גלויבן, מיט מוט.

דער היינט איז אַ וואָלקן,
וואָס שלייערט דעם מאָרגן;
ס'איז הינטער דעם שלייער
די זון דאָך פאַרבאָרגן.

אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן,
און — וועג וועט זיין אָפן.
ס'וועט קומען דער לוין
פאַר שטרעבן, פאַר האָפן.

אין מאָרגן געגאַרטן,
אין שפּיל פון די פאַרבן —
די פרוכט פון דיין שפּאַנען
מיט פרייד וועסטו אַרבן.

דיין אויג וועט דערבליקן
ווי וואָלקנס צעפּראַלן,
ווי פריידיק עס שטראָמען
די בונטיקע שטראַלן.

טאָ שפּאַן זשע, אַ מענטש,
מיט זיכערן גאַנג —
וועט וועג ניט זיין שווער,
וועט וועג ניט זיין לאַנג.

צו די מענטשן פון גייסט

אַ, מענטש מיט דער פען,
אַ, מענטש מיט געדאַנק,
געגעבן איז אייך,
אַ טייער געשאַנק!

און טרעט דאַן אַרויס,
אין פאָדערשטער ריי;
און גיט איבער קעפּ
די פאָן אַ צעוויי.

נאָר האַלט ניט דעם אוצר,
ווי קאַרגע — דאָס געלט:
אַליין עס צו צערטלען
אָן נוצן פאַר וועלט.

וועט פאָלק זיך צעצינדן
מיט מוטיקן פלאַם,
און ס'צינדט זיך פון בליץ,
אַ וואַלדיקער שטאַם.

אין אייך איז געצייטיקט
דער זאַפט פונעם דור,
איז, העלפט אים פון חלום —
צו שאַפן אַ וואָר.

און אויסברענען וועט
דאָס אומרעכט פון וועלט;
דעם צוים פון געוואַלט,
וואָס'ט פרייהייט פאַרשטעלט.

מיט פאָלק — אין זיין קאַמף,
מיט פאָלק — אין זיין נויט.
מיט אייער געדאַנק,
אין וועג אים באַגלייט.

די ערד אין צעבלי
וועט שפּע'דיק-רייך —
דאַן גרייטן איר טיש,
פאַר פאָלק, און פאַר אייך.

ווען פינצטער — מאַכט ליכטיק,
אויב שיין איר פאַרמאַגט
„נישט אייביק וועט נאַכט זיין" —
די בשורה צעטראָגט.

און שפּרודלען וועט לעבן
מיט קוואַליקער פרייד,
פאַר אַלע, פאַר אַלע —
אָן שנאה'ס צעשייד.

פאַרן שטורעם

ברויזן ווינטן אין די גאַסן,
רייסן מויערדיקן צוים;
דורך דער ענגשאַפט שפּאַרן זיי
צו דעם פרייען רוים.

ווינטן פליגלען טיף געוואונדיקט
פון דעם האַרטן שטיין;
ברויזן ווינטן אין די גאַסן
מיט פאַרקריצטע ציין.

ווינטן-ברידער מעכטיקע
ערגעץ שטורמען פריי;
בוימער אַלטע ברעכן זיי,
יאָגן זיך פאַרביי.

אויף די פעלדער הוליען זיי
מיט אַ פרייד-געזאַנג;
ווער עס וואַגט אין וועג זיי שטיין
פאַלט פון זייער דראַנג.

ברויזן ווינטן אין די גאַסן,
שטרויכלונג — יעדער שפּאַן;
פול מיט צאָרן, גרייטן זיך
פאַר דעם אוראַגאַן.

קומען וועט דער מעכטיקער.
בויגן שטאָל, ווי בליי;
ברעכן צוימען שטיינערנע,
מאַכן רוימען פריי! . . .

דער סט. לאָרענס און די וואָלגאַ

(געווידמעט קאַנאַדער־סאָוועטישער פריינטשאַפט)

אַ פריינטשאַפט-בונד געשלאָסן,
ס'האָט אונזער לאַנד מיט די סאָוועטן
ווען נאַצי-שווערד האָט בלוט פון פעלקער
אין שטראָמען זודיקע געגאָסן.

ס'האָבן יונגען אונזערע געליבטע דאָ פאַרלאָזן,
אָן מורא קרייצן ים'ען, דעם נאַצי גיין אַנטקעגן,
און רויט-אַרמייער געברענט האָבן די טריט איב
אויף היימלאַנד'ס פיין-און בלוט-געזאַפטע וועגן.

ווי ס'וואָלט סט. לאָרענס און די וואָלגאַ
די כוואַליעס ברידערלעך פאַראייניקט,
און צאָרנדיק מיט שותפות'דיקע שטראָמען
פון נאַצי-רשעות דעם ערד-קיילעך געריייניקט.

דער מעיפל-בלאַט און סערפּ-און-האַמער
האָבן ברידערלעך אויף פאָנען זיך צעלויכטן,
ווען רויט-אַרמייער האָבן שלאַנגען-נעסט צעטרעמפּלט,
און וועלט גע׳יובל׳ט האָט דעם גרויסן זיג דערגרייכטן.

און ווער האָט דעם שוואַרצן פאַרהאַנג דאָ פאַרצויגן,
אויסגעלאָשן פרייד פון די צעגליטע אויגן?
און ווער וויל פאַרגעסן יענע העלע צייטן
און פריינטשאַפט גאָר מיט שנאָה ביטערלעך פאַרבייטן?

אָט זעט, מלחמה-וואָלקנס הענגען ווידער שווערע
אָנגעלאָדן מיט אַ מבול פון צעשטערונג.
איז ווערעם האָנט רוקט נעענטער יענע בייזע „שטונדע"
פון „שאַרפן מעסער שפּיץ" פון נאַצים „צווייטע רונדע"?

ווער איילט זיך דאָס יד-אחת שוין פאַרוועבן
מיט די ברוינע אויסראָטער פון לעבן?
ווער קומט איצט אונטערטראָגן זיי די שליטה
פון אַ נייער פעלקער-שחיטה?

ווער וויל דאָס קערן דעם נאַצי-פייער
אַנטקעגן וואָלגאַ-לאַנד — אונזער פריינט געטרייען?
ניין, סט. לאָרענס-לאַנד האָט שנאָה ניט פאַרדאָרבן
און וועט ניט פאַלן צינדערס שטומער קרבן.

פאַרוועבט האָט אונזער פריינטשאַפט רום פון שלאַכטן הייסע,
און נאָרמאַנדי און סטאַלינגראַד זיי ביידע זיינען עדות,
אַז אונזער פאָלק קאַנאַדער און פאָלק פון די סאָוועטן —
האָבן זיך געפירט אינאיינעם צו הייליקע עקדות.

פון איין עק לאַנד צום צווייטן
צעשאַלן זאָלן זיך טרומייטן,
אַז וועלט פון פריינטשאַפט און פון שלום
איז ביידע פעלקערס שענסטער חלום.

דער לייכט־טורעם

מענטשן וואַנדערן איבער ים׳ען,
כוואַליעס שטענדיקע שיפן וויגן.
זוכן אויגן, רו־פאַרבענקטע,
וואו די פעסטע ברעגן ליגן.

נאָר ניט יעדער שוים־באַזוימטער
ים־ברעג, איז אַ פריינט פון שיפן;
טיילמאָל זיינען ברעגן בייזע —
פול מיט שטיינער אין די טיפן.

שפּיצן וואַרטן אונטער וואַסער,
ביז אַ שיף זאָל זיי דערגרייכן,
און פאַרשלינגען שיף און מענטשן —
אין אַ וואַסער־קבר, ווייכן.

פון אָט־די סכנה־ברעגן,
אין אַ נאַכט, ווען ס׳קאַכט אַ שטורעם,
שיקט אַ פייערדיקע וואָרנונג
שומר טרייער פון זיין טורעם.

קאַפּיטאַנען, מיידט דעם ברעג אויס,
ים איז דאָ פאַרזייט מיט שטיינער!
שווערע שטורעמס לעבט מען איבער,
דאָ שאַרפט טויט אויף אייך די ציינער!

מיט אַ ציטער רופן, בעטן
אָט־די ליכטיקע סיגנאַלן:
גיט ניט אויף, דעם קאַמף, דעם שווערן,
זאָל דער מוט, בײַ אייך ניט פאַלן!

שטאַרקער, שטייפער, ציט די זעגלען;
ס׳וועט דער מאַסט נאָך קראַפט געפינען
ביז אַ האַפן, פרידלעך, פריינטלעך —
וועט אייך גריסן אין באַגינען!

מ י י ן ג אָ ר ט ן

די וועלט איז מיין גאָרטן,
און פלאַנצן — די מענטשן;
דעם באָדן וואָס נערט זיי,
מיט מי טו איך בענטשן.

די מענטשלעכע פלאַנצן —
אויך זיי מוז מען שיצן:
אַז פראָסט זאָל ניט פרירן,
ניט ברענען — די היצן.

אויך זיי מוז דער גערטנער
אַחריות׳דיק היטן —
פון אָנפלי דעם בייזן,
פון פיינט-פּאַראַזיטן . . .

ס׳איז מענטשלעכע פלאַנצן
אויך דאָ אַלערליי,
ווי בלומען, פיל-צאָליק,
אין אראנזשעריי . . .

עס זיינען דאָ מענטשן
ווי שטעכיקע דערנער,
מיט מיאוס׳ער שאָלעכץ
און גיפטיקע קערנער.

און מענטשן, ווי בוימער
פאַרוואָרצלט אין באָדן,
מיט זאַפטיקע פרוכטן
די צווייגן באַלאָדן.

און מענטשן געכאַוועט
ווי איידעלע בלומען,
מיט בעכערלעך פולע
מיט צאַרטע פאַרפיומען.

און בלעטלעך דינע —
זיי טוען זיך צירן;
אַ הויך נאָר אַ שאָרסטקער —
זיי נעמען שוין פרירן . . .

און מענטשן, וואָס זיינען
ווי צייטיקע זאַנגען —
פון סערפּן צעשניטן,
אין סנאָפּעס געפאַנגען.

די קערנער — דער שניטער
פאַרנעמט אין זיין שייער;
און שטרוי — לאָזט ער איבער
פאַר מיסט און פאַר פייער . . .

איז, פליק איך דעם ווילד-גראָז
פון מענטשלעכע בייטן,
זאָל זאַפטיקע נערונג
אין וואוקס זיך צעשפּרייטן.

און גרייט איז מיין גראַבליע —
פאַר דערנער צו יעטן . . .
און בליק, פול מיט ליבע,
פאַר בליטן צו גלעטן . . .

עס צערטלט מיין אויער
דער קלונג פון מיין רידל —
אַזוי ווי דעם קלעזמער
דער טאָן פון זיין פידל . . .

באַוואַך איך מיין גאָרטן
ווען בלעטער עס פאַלן,
און היט אים, ביז פרילינג
וועט קומען מיט שטראַלן . . .

אין עקשנות'דיקן גאַנג

ניט לייכט איז דער וועג
פון מענטשלעכן גאַנג
צו ליכטיקע טעג,
צו פריידיק געזאַנג.

אַמאָל, טרעפט זיין טראָט
אין שאַרפקייט פון שטיין,
און ווייטיק פאַרהאַלט
אַ ווײַלע זיין גיין.

אַמאָל טרייבט אים שרעק
פאַר חיה'שן בליק —
צו געבן אַ שפּרונג,
מיט טריט אויף צוריק.

אַמאָל בלייבט ער שטיין,
אַ שוויים אים באַדעקט —
פון בילד אומדערוואַרט
וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט:

אַ גייער, ווי ער —
אַט ליגט, אין דער מיט;
אַ קרבן — פון מערדער'ס
אַ טויטלעכן שניט.

געלויערט האָט פיינט,
און פיינט האָט געוואַרט;
פאַר גייער דעם וועג
מיט מעסער פאַרשפּאַרט.

איז שטייט ער, דער מענטש,
מיט קאָפּ אין געבויג;
דאָך פאַלט ניט זיין מוט,
אָן טרער איז זיין אויג.

ס'איז שטאַרקער פון טויט
זיין אינערלעכער דראַנג —
צו שפּאַנען פאָראויס,
אין ווייטערן גאַנג.

עס מאַניעט זיין אויג
די וויזיע פון ווייט,
וואָס כשופ'ט און שטראַלט
אין שוים פון דער צייט.

אָן אָפּשטעל, אָן רו,
אַהין איז זיין גאַנג;
ביז טרינקען ער וועט
פון גליק דעם געטראַנק!

דער מענטש

ניט „רע" איז דער „יצר"
פון מענטשן — אָ, ניין!
אָט־די־אָ רכילות
איז פאַלש און געמיין!

איר גיט מיר דעם מענטשן
אַ פרייעז, אָן קייטן —
און ער וועט, ווי ברודער
באַגריסן דעם צווייטן.

אָ, לאָזט נאָר דעם מענטשן
זיין אויג זאָל אים פירן;
און פאָלגן, וואָס האַרץ זיינס
טוט ערלעך דיקטירן —

וועט וועלט זיין אַ בענטשונג
פאַר ליכטיקן היינט,
און מאָרגן — ניט זיין וועט
פאַרפינצטערט פון פיינט.

אָט זעט נאָר, ווען פלאַמען
פאַרכאַפּן אַ הויז;
און ס'שפאַרן זיך קנוילן
פון רויך און געברויז;

זאָל עמי'ץ, מיט פיבער
פון שרעק אין זיין שטים —
זיך צעשרייען: „אַ מענטש דאָרט!
אָ, ראַטעוועט אים!" —

וועט אימער זיך טרעפן
אַ מענטש מיט אַ שפרונג,
וואָס לאָזט זיך, אָן מורא
פאַר פייערדיק צונג;

אין שריפה'ס געדערים
וועט יאָגן זיך גיך,
פאַר'חלש'טן נפש
וועט ברענגען מיט זיך!

זיין פנים פאַרסאַזשעט,
עס שמעקט פון אים רויך,
נאָר פאָן פון דעם „מענטשן" —
ווי פלאַטערט זי הויך!

אַזוי אויך באַם באָדן,
ווען מענטשן זיך טרינקען;
אַזוי אויך אויף ימ'ען,
ווען שיפן פאַרזינקען;

אַזוי אויך באַם אָנבליק
פון מענטש, וואָס איז בלינד,
אַזוי אויך באַם וויגל —
פון וויינענדיק קינד.

דאָס האַרץ פון דעם מענטשן,
ניט „רע" — נאָר „גוט";
זיין גייסט איז באַפליגלט
מיט חסד, מיט מוט.

ס'איז בלויז אין דעם חושך,
וואָס שפּרייט דעם אַלטאַר —
עס וואַרפט אויף אים אימה
געגאַרטע געפאַר;

ס'איז גיפטיקע ווערטער,
וואָס בלוט אין אים סמ'ען,
מיט שנאה אומזיסטער —
צו ראַסן און שטאַמען;

אין הפקר'דיק ליאַרעם
פון גאָלד און פון רום.
די רשעות צעשרייט זיך,
די ליבע — ווערט שטום;

ס'איז יאָך פון פאַרשקלאַפונג,
ס'איז הערשער'ס באַפעל —
וואָס וואַרפט אויף דעם מענטשן
אַ חיה'שע פעל.

צערייסט זיינע קייטן,
באַרויבט ניט זיין שוויים —
און מענטש וועט זיין ערלעך,
און מענטש וועט זיין גרוים.

די ערד און דער הימל —
וועט זינגען דאַן שירה,
צו פראַכט פון דעם מענטשן —
דעם „בחיר-היצירה"!

אַזעלכע פאַרברעכער!...

פון מזרח און מערב,
פון צפון און דרום —
עס טראָגט זיך אַ ליאַרעם,
עס טראָגט זיך אַ שטורם.

מיט שרעק און אַלאַרם —
די גלעקער צעקלינגען:
אַט די־אַ . . . — זיי וועלן
די וועלט נאָך באַצווינגען! . . .

אַז וואו נאָר אַ סטרייק איז —
זיי זיינען די פירער;
זיי לייגן קיין כבוד
אויף פאַלשע רעגירער.

זיי רופן די פעלקער
צו קעמפן פאַר פרידן;
אַז נאָך אַ מלחמה
זאָל ווערן פאַרמידן.

זיי ווילן אין נעגער
אַ מענטשן דערקענען . . .

מען זאָל אים ניט הענגען,
מען זאָל אים ניט ברענען . . .

זיי ווילן פאַר פליטים
זאָלן פריי זיין די ים'ען,
דער גייסט פון נאַציזם
זאָל לופט ניט פאַר'סמ'ען.

זיי ווילן אַן ענדע
צום יאָך פון מאַגנאַטן,
אַ סוף צו דער גזילה,
פון טראָסטן-פיראַטן . . .

זיי זיינען אַ דראָאונג —
צו „אונזער אַרט לעבן",
מען טאָר זיי ניט שענקען,
מען טאָר ניט פאַרגעבן . . .

מען טאָר זיי ניט דולדן,
ס'איז פול שוין דער בעכער,
אין תפיסות, אין קייטן —
אַזעלכע פאַרברעכער! . . .

אַ אינגל פון ליטע

(זכרונות)

צו שפּילן אויף גראָזן
מיט בלומען צעבליטע —
ווי קומט צו אַ קבצנ'ס
אַ אינגל פון ליטע?

עס האָט ניט געהאָלפן
פון אומעט — סכנה —
די מעשיות דערציילטע,
פון רבה בר־בר חנא . . .

דער טאַטע — מלמד
געזאָגט האָט כסדר:
אַ אינגל דאַרף זיצן
און לערנען אין חדר . . .

און צווישן די מענטשן, —
ווי צווישן די שטיינער —
צו טרייסטן דעם אינגל —
געווען איז ניט קיינער . . .

און אונטערגעוואַקסן
אין לערנען, אין יאָרן —
איז מען אין ישיבה
אין שטאָט, דאָך געפאָרן;

מיט בענקשאַפט אין פייכטע,
פאַר'חלומ'טע אויגן —
צו וועלטן, צו נייע
עס האָט אים געצויגן;

דער זעלביקער חדר —
נאָר פעטש, מער צעפּלאָמטע,
פון איד, דעם משגיח,
מיט באָרד ניט פאַרקאָמטע . . .

אַרוים פון די קלעפּיק
פאַר'חושכ'טע בלאַטעס;
פון אונטער דער פּאָלע
פון פרומע קאַפּאָטעס . . .

געקלאַפּט איבער שטיינער,
מיט שטיוול צעקרימטע;
געשפּייזט זיך מיט יענע,
די „טעג", די באַרימטע.

אויף שווערע גמרות
אין ביכלעך, אין קליינע,
געפונען האָט אינגל,
די וועלטן, די שיינע . . .

און איבער דעם ברוק
פון שטאָטישע גאַסן —
געוואַנדערט האָט אינגל,
מיט פּנים, מיט בלאַסן.

אַזוי זיינען פאַרגאַנגען
די אינגלשע יאָרן;
פון אינגל — איז צייטיק
אַ בחור געוואָרן.

צו גיין אין בולוואַרן —
געווען איז פאַרבאָטן;
פאַר דעם האָט משגיח
די ביינער געקנאָטן . . .

ישיבה פאַרביטן —
אויף געבן „שטונדן";
און אַרבעטער־מיידלעך
געווען זיינע קונדן.

געטרייסט האָט ער מיידל:
ניש'קשה, ווערסט קענען;
און טיף אין זיין האַרצן
דער צאָרן טוט ברענען.

אַ וועלט וואָס קען האַרצלאָז
די יוגנט פאַרצערן —
אַזאַ איז פאַרשאָלטן:
מען מוז זי צעשטערן!

אין צוגאָב צום לערנען,
צו לעזן און שרייבן,
געזוכט האָט ער חושך
פון מוח פאַרטרייבן.

אין צימערלעך ענגע,
אין פייכטקייט פון קעלער,
אין נאַכטיקע שעה'ן —
געוואָרן איז העלער.

די הערצער, די יונגע,
שוין מער ניט פאַרמאַטערט;
אין זיי האָבן פליגלען
פון האָפענונג געפלאַטערט.

דער שלאָף איז פאַרשוואונדן,
עס פינקלען די אויגן;
אַ מונטערער ניגון
האָט שטיל זיך פאַרצויגן.

. . . „און דער וואָס פאַרשטויסן —
וועט זיין אויבן־אָן״ . . .
. . . ס'טראָגט נייער משיח —
פון פרייהייט די פאָן! . . .

עס האָט שווערער לעבן
געקראָגן אַ זינען;
. . . „די קייטן צו פאַרלירן,
אַ וועלט — צו געווינען!״ . . .

אין געראַנגל

מיט פליגלען, מיט שוואַרצע,
האָט נאַכט זיך צעשפרייט;
די וועלט צו פאַרזינקען
אין חושך געגרייט.

שטאָק-פינצטערע כמאַרעס
ווי וועלף אויף די שאָף,
זיך וואַרפן אויף שטערן
פון הימל׳ס אין-סוף.

אויף בלאַסער לבנה
זיי טוען אַ שפרונג,
און שטיקער נאָך שטיקער
זיי שטאָפן אין שלונג.

אין הייזער פון מענטשן
אוים ליכט און אוים פלאַם,
אין שטילקייט עס וויגט זיך
אַ פינצטערער ים.

מען הערט בלויז — אַ חיה
איר קרבן פאַרצערט,
מען זעט בלויז דעם פינקל
פון גזלנ׳ס שווערד.

אַ וואַנדערער ערגעץ,
פאַרכאַפט אין זיין וועג —
בלייבט שטיין אַ צעמישטער,
און ציטערט פאַר שרעק.

נאָר אָט, אין דער ווייטקייט,
אַ כמאַרע ווערט בלאַס;
באַצייכנט פאַמעלעך —
אַ שמאָלינקן פאַס.

און אָט-אָ, פון הימלען
אַ טונקעלער בלוי —
צעבלייכט זיך אויף פייכטקייט
פון ערדישן טוי.

און אָט, קריגט די בלויקייט
אַ זילבערנעם זוים,
און פאַלדן געקרייזלט
ווי פערלדיק שוים.

און הינטער די פאַלדן —
די הימלען עס גלעט
בריליאַנטענער שימער,
פון שטראַלן-בוקעט.

אין נאַכטיקער שטילקייט —
עס הילכט אַ טרומפייט,
און ערגעץ האָט מונטער
אַ האָן זיך צעקרייט.

פון פינצטערן גליווער
האָט די וועלט זיך גערירט,
דעם ליכטיקן אָנקום
מיט גאַפונג דערשפירט.

פון שפיץ פון די בוימער
ביז פלאַך פון דער ערד.
אַ שטראַליקער בעזים
האָט חושך פאַרקערט.

עס גייט שוין דער פויער
מיט פרייד צו זיין פעלד.
אויף הויך און אויף נידער,
האָט טאָג זיך צעהעלט.

אין שטילקייט פון אָוונט

אין שטילקייט פון אָוונט,
ווען זון איז באַם ראַנד —
עס רוקט זיך אויף הימל
אַ שוואַרצער געוואַנט.

אַט נעענטער און נעענטער
די שוואַרצקייט דערגרייכט;
די פאַרבן זיך לעשן,
דער הימל ווערט בלייך.

די שטראַלן נאָך שטיפן
מיט צויבער פון שיין;
און וואונדער פון פאַרבן
זיי וועבן דאָרט איין.

אַ האַנט, אַ געהיימע
טוט פאַרהאַנג אַ ציִ,
פאַרשוואונדן ווערט זעאונג
פון פאַרבן און גלי.

זיי טוען מיט כישוף
דעם פענזל אַ פיר —
און ראַנד ווערט צעפיבערט
מיט ברויז פון קאָליר.

אין דעמער עס פלאַטערט
פון וועלטן דער טרוים,
אַ שטערן צעווינקט זיך
אין הויכקייטן פון רוים,

ווי זון וואָלט געפילט שוין —
אַט־אַט זי פאַרגייט . . .
און גאָר איר עשירות
אויף הפקר צעזייט.

דער סערפּ פון לבנה
דעם פאַרהאַנג צעשניידט
און טונקעלע הימלען
מיט העלקייט באַנייט.

אין היינט־צייטיקע טעג

(געווידמעט דער פרידן־אַסעמבלי, אַפּ־
ריל דעם 7־טן, 1950, אין טאָראָנטאָ)

מען טאָר היינט ניט אומגיין
מיט רואיקע טריט,
און קוקן אויף הימלען —
ווי וואָלקנדל ציט.

ס'האָט רשעות, אַ פייער
אין פעלקער צעגליט;
מיט סמ'איקער שנאה
די הערצער צעבריט.

באַטראַכטן די שיינקייט
פון פויגל וואָס פליט,
און שפּילן אויף סטרונעס
פון לייכטן געמיט.

די לענדער, די שוואַכע,
צעאַקערט, פאַרזייט —
מיט חורבן פאַרוויסטונג
מיט אומקום און טויט.

איז ווער עס פאַרוויגט זיך
אַט־איצטער אין שלאָף,
דערנעענטערט דעם מענטש׳ס
ענדגילטיקן סוף.

זיין נאָמען, ווי נעראָ׳ס
וועט בלייבן געשענדט;
ווייל ער האָט געפידלט,
ווען רוים האָט געברענט.

עס מוז זיך איצט וועקן
אין מענטשלעכן גאַנג —
פון ווילן דער אויפשטייג,
פון צאָרן דער קלאַנג.

עס מוז זיך איצט וועקן
אַ מעכטיק געשריי:
אַז וועלט זאָל ניט זינקען
אין אַנגסטן און וויי.

פאַר פרידן, פאַר לעבן,
פאַר מענטשלעכן זיין;
פאַר אָפּשטעלן מבול
פון בלוט און פון פיין.

פאַר די, וואָס מאַרשירן
מיט שווערד אין דער האַנט —
פאַרצוימען די וועגן
מיט שטאָלענער וואַנט.

זאָל שלום זיין זיכער
וועט וועלט זיין געגרייט:
פאַר לעבן און טרוימען,
פאַר גליק און פאַר פרייד.

די ערד וועט זיך צירן
אין פרעכטיקן בלי;
און מענטש וועט זיך הויבן
אין אַדלערישן פלי . . .

די זינד וואָס מען טאָר ניט פאַרגעבן

די לויטערע הימלען
מיט חסד זיך שפּרייטן —
איבער ווייטסטע ווייטן,
איבער ברייטסטע ברייטן.

און שלוה, און מנוחה,
און פרייד איז געגעבן —
צו מענטשן וואָס בויען
אין פרידן דאָס לעבן . . .

אַ קללה צו יענע —
וואָס ווילן דאָס שטערן!
וואָס ווילן פון לעבן —
אַ חורבה זאָל ווערן!

זיי גרייטן פאַרניכטונג
אין זייערע נעסטן;
מיט פלאַם און מיט פייער —
אויף מענטש זיך פאַרמעסטן;

דעם קיום פון מענטשן —
מיט גרויליקע שרעקן
זיי גרייטן זיך איילִיק
פון לעבן פאַרמעקן!

פאַר דעם, וועט זיי קיינמאָל,
דאָס פאָלק ניט פאַרגעבן . . .
ס׳וועט קומען אַ ריכטער
פאַר מערדער פון לעבן!

און שפּרייטן עס וועט זיך —
אַ הימל אַ נייער;
אויף וועלט אַ דערלייזטער,
אַ פרידלעכער, פרייער.

און מענטש וועט מיט פריידן
אַ לעבן זיך בויען —
געבאָדן אין זון־שיין,
אין פרישקייט פון טויען . . .

אַ פויגל זינגט אויף אַ בוים

אַ בוים האָט מיט פרישקייט
פון פרילינג דערוואַכט;
צום פויגל אויף צווייגל —
אַ בשורה געבראַכט:

אָט־באַלד, וועט אַ קנאָספּל
צעוויקלען זיך ברייט;
ס'וועט בלעטל, מיט גרינקייט
זיך געבן אַ צעשפּרייט.

פון זוניקע שטראַלן —
וועט לופט זיין צעגליט;
און דופטיק וועט שמעקן —
דער יונגיקער צוויט.

זיצט פויגעלע לוסטיק,
אויף צווייגל פון בוים;
אין קעפּל — עס וועבט זיך
אַ פויגלשער טרוים:

זי וועט, אין דעם שאָטן
פון בלעטער, וואָס גרינען,
אַ רואיקן נעסטל
פאַר קינדער געפינען;

זי וועט אָט־דאָס נעסטל
פון שונאים באַהאַלטן;
ער זאָל זיין בלויז אָפן —
צום הימל צעשטראַלטן.

די קינדערלעך וועט זי
מיט שפּייזן פאַרגרייטן,
ביז פליגעלעך שטאַרקע
זיי וועלן צעשפּרייטן.

און זי וועט אין בלויקייט
פון הימלען זיי שיקן;
און נחת וועט קוועלן
אין מאַמעשע בליקן.

מיט פרייד, טוט זי צווייגל
מיט שנאָבל אַ פּיק;
מיט הילכיקן צווישטשער —
צעזינגט זי איר גליק . . .

פאַרנעם איך פון פויגל
דעם טרעלן־געזאַנג;
און מונטער, צעשפּאַנט זיך
מיין ווייטערער גאַנג.

עס וואַרט אויף דעם מענטש אויך
אַ פרילינג מיט צוויט;
ווען האַרץ זיינס מיט ליבע
וועט ווערן צעבליט.

ווען ער וועט צו שנאה
ניט זיין מער געשפּאַנט;
און געבן זיין ברודער —
מיט שלום — אַ האַנט;

און ביידע, געאָרעמט,
זיך לאָזן אין וועג —
געפינען די פרייע,
די ליכטיקע טעג —

וואָס זיינען פון רשעות
אין חושך פאַרבאָרגן,
נאָר וועלן צעהעלן —
אין פרידלעכן מאָרגן.

אויך מענטש וועט צו הימלען
דאָס גליק זיינס צעשאַלן,
מיט שוימיקן רוישן
פון פריידיקע קוואַלן!

אַ יום־טוב פאַר דורות

(צום 7־טן נאָוועמבער)

עס וועט אייביק וועלט געדענקען —
ווי צעפליגלטע שטאַפעטן
האָבן אָנגעזאָגט די בשורה —
פון דעם זיג פון די סאָוועטן.

ווי דער שופר של משיח —
האָט די בשורה זיך צעשוואונגען;
און וואו נאָר עס קלינגען קייטן —
האָט די פרייהייט זיך צעקלונגען.

הימלען בלייענע, האָט די בשורה
מיט אַ ליכטיקייט צעלייטערט.
און פאַראומערטע געמיטער —
האָבן פריידיק זיך צעשייטערט.

נייע כוחות, פרישע, יונגע —
פירן וועלט צו נייע צייטן;
ווישן אָפּ די וועלט פון קנעכטשאַפט —
מיט דערלייזונג זי פאַרבייטן.

איז אַ יום־טוב — יענער יאָרטאָג,
מיליאָנען אים דערמאָנען;
און זיין ליכט צעשיינט די הערצער,
און זיין פרייד — צעפלאַטערט די פאָנען.

פעלקער, ניי־געבוירענע —
גייען יענעם טאָג אַנטקעגן,
ווי דער מענטשן־ים צעשטורעמט —
וואַלט אַרוים פון זיינע ברעגן.

דעם סאָוועטן־לאַנד צעשטערן —
פעלט שוין אָטעם, ווילדסטן שטורעם;
און צוזאַמען מיט די שטערן —
נאַכט צעהעלט זיין פאַקל־טורעם.

געבענטשט זיי, לאַנד, וואָס האָט פאַרווירקלעכט
דעם מענטשנ׳ס האַרץ־באַגערטן חלום!
דו ווייזט דער וועלט — אַ וועג פון לעבן,
אין פרייד פון שפע און פון שלום.

ליכטיקע נעמען

ווי שטערן, צעהעלטע, אין נאַכטיקע הימלען,
עס שטראַלן די הייליקע, ליכטיקע נעמען
פון קעמפער געטריייע, וואָס זיינען געפאַלן
און זיינען צום ענד־ציל, צום זיג ניט דערגאַנגען . . .
מען וועט זיי געדענקען, מען וועט זיי דערמאָנען
אין טאָג דעם געגאַרטן פון גרויסן נצחון,
אין פלאַטער פון פאָנען אויף ערד, אויף באַפרייטער,
אין שוימיקן יובל פון פרייד און געזאַנגען.

זיי — און מיר

זיי — וויגן צו שלאָפן;
מיר — וועקן צו האָפן;
זיי שרעקן מיט טויט;
מיר — רעגן צו פרייד!

זיי — יאוש פאַרשפרייטן
און שוואַכקייט פאַרגרייטן;
מיר — שאַלן טרומפייטן
צו ברעכן די קייטן.

בא זיי האָט די נאַכט
די וועלט שוין פאַרנומען . . .
בא אונז וועט דער מאָרגן
מיט זון־ליכט אָנקומען!

בא זיי איז שוין לעבן
געענדיקט — און אויס . . .
בא אונז איז ערשט אָנהויב —
צו שפאַנען פאַראויס!

כ י י ק ע

(באַלאַדע פון די יאָרן 1904־1905)

געוועזן זיינען דעמאָלסט
די צייטן, די הייסע;
געברויזט האָבן מאַסן
מיט קאַמפן, מיט גרויסע.

דער „צאַר" — האָט געוואָרפן
דאָס לאַנד אין אַן אימה.
„צע-קאַ" האָט געענטפערט
מיט בלעטלעך געהיימע . . .

און אָט, איז אַ בלעטל —
אַ פרישער, אַ נייער;
די ווערטער, זיי לויכטן
ווי גאָלד — זיינען טייער.

מען מוז אָט-די בלעטלעך
אין שטעטלעך צעפירן,
אַז פאָלק זאָל דערוואַכן,
זאָל קאַמפּס-גייסט דערשפירן . . .

נאָר ווי-זשע דאָס טוט מען,
אַז „שפיק'ישע" אויגן
האָבן די וועגן
ווי נעצן פאַרצויגן?

געוועזן איז אַ מיידל,
און כייקע — איר נאָמען,
מיט אויגן וואָס פינקלען
ווי ליכטיקע שטראָמען.

מיט פנים באַ'חנ'טן,
און בעקעלעך — צונטער;
דערצו אַ געוואַגטע,
און שרעקלאָז, און מונטער.

אָט, זי, איז די מיידל.
אויף איר קען מען בויען . . .
צו איר, קען מען שליחות
געהיימע פאַרטרויען . . .

גענומען האָט כייקע
געלאַסן, אָן מורא,
אַ קערבל צו פירן
די טייערע „סחורה" . . .

אַ ביסעלע שמאַכטעס
געלייגט דאָרט פון אויבן;
פאַרדעקן די ווערטער
פון פרייהייט און גלויבן . . .

צום מענטש דעם פאַרטרויטן —
גענומען אַ צייכן . . .
צו וועמען עס ברענגען,
אויב זי וועט דערגרייכן.

אַזוי אויך, געלאַסן —
דורך גאַסן געטראָגן;
אין צוג זיצט שוין כייקע,
און רעדער זיך יאָגן . . .

דער צוג מיט אַ פייפן
די מיילן טוט שלינגען.
און טעלעגראַף דראָטן
פון ווינטעלעך זינגען.

ניט לאַנג וועט שוין נעמען
צום שטעטל צו קומען,
און כייקע אַ ניגון
אין זיך נעמט זי ברומען.

א סטאַנציע, נאָך איינע.
זי וועט שוין דערפאָרן.
נאָר אָט־אָ, דערהערט זי
א קלינגען פון שפּאָרן!

עס גייען אַהער־צו
צוויי הויכע זשאַנדאַרן.
אויף באַנק נעבן כייקען,
צו זיצן זיך שפּאַרן.

זיי קוקן אויף כייקען
מיט אויגן, מיט פּרעכע!
„די שעה האָט געשלאָגן
צו טרינקען דעם בעכער . . .״

אַזוי טראַכט איצט כייקע:
אויף מיטלייד ניט האָפן.
דער שונא וועט גרויזאַם
זי איצטער באַשטראָפן.

זי זעט פאַר זיך וועגן
עס ציען זיך רייען —
די געגנטן ווייטע
באַדעקטע מיט שנייען.

זי זעט זיך שוין זיצן
אין פינצטערן מויער.
עס היטן איר וועכטער
מיט חיה׳שן לויער . . .

נאָר דאָס האָט געדויערט
א רגע א קליינע.
עס האָט זיך פאַררויטלט
די מיידל, די שיינע.

מיט פוס האָט באַרירט זי
דאָס קערבל מיט „סחורה״ —
און גלייך איז פאַרשוואונדן
דער שאָטן פון מורא.

עס האָבן פון דאָרטן,
ווי שטראָמען געצויגן
די ליכטיקע ווערטער
פאַרביי אירע אויגן.

זי זעט זיי, די ווערטער,
וואָס רופן און וועקן.
פאַר זיי זאָל זיך שונא
מיט ציטער דערשרעקן.

זיי וועלן אין הארצן
פון מענטשן ווי זוימען
צעוואַקסן אין העלע,
אין ליכטיקע טרוימען . . .

און ווידער באַהערשט זי
איר מוטיקער שכל;
איר פּנים צעליכטיקט
האָט שעלמישער שמייכל.

מיט בליציקע אויגן
זי קוקט אויף זשאַנדאַרן . . .
„וואָס האָט איר צעשפּאַרט זיך
אַזוי ווי די האָרן?״

פונוואַנען איר יונגען,
פון נאָענט, צי פון ווייטן?
צו וואָס איז דאָס וואַרפן
מיט בליקן פאַרשייטע?

עס פעלן דען, מיידלעך
באַ אייך אין מקומות
צי האָט איר דאָרט, פשוט,
בלויז קעלבלעך און בהמות?

עס הירזשען די יונגען,
און הייסקייט דערשפּירן;
זיי מיינען, אָט באַלד שוין
די הענט זיי צעפירן . . .

נאָר אָט, איז די סטאַנציע.
דער צוג הויבט אָן פייפן!
אַ נויג טוט זיך כייקע:
„אַ שאָד, איך דאַרף לויפן!"

עס האָט אונזער כייקע —
באַזיגט אַלע צוימען,
און שטעטלעך פאַר'כישופט
מיט ליכטיקע טרוימען . . .

אַ כאַפּ טוט זי ס'קערבל;
און פלינק ווי אַ פויגל,
וואָס שפּרינגט צו דער פרייהייט
פון אָפענעם שטייגל . . .

מיט הארץ, מיט געשטאַלטן,
מיט פנים, מיט ליבן,
איז העלדישע כייקע
לעגענדע געבליבן . . .

די טיר — גיך אָן עפן;
די טרעפּלעך געשפּרונגען;
איר הארץ האָט זיך פריידיק
און מונטער צעזונגען . . .

איר אָנדענק וועט שיינען —
ווי שטערן פון ווייטן;
צעפינקלט, צעלויכטן —
פאַר דורות און צייטן . . .

פרימאָרגן, מיט בלעטלעך
האָט שטעטל צעבליט זיך,
אין אויגן האָט פייער
פון האָפענונג צעגליט זיך . . .

די ערשטע פאַרשפּרייטער
פון פרייהייט די זריעה —
זיי, קען ניט פאַרטונקלען
פון יאָרן די שקיעה . . .

די מיל פון דער צייט

אין סוד-פולער מיל פון צייט —
די מיל-שטיינער דרייען זיך שטיל;
מען זעט ניט קיין פאַסן-געיעג;
מען הערט ניט קיין מאַשינען-געבריל.

דאָך, הינטער באַהאַלטענע ווענט
אַרבעט די מיל אומגעשטערט,
ס'ציט זיך פון דורות אַ שטראָם
צו ווערן פון שטיינער פאַרצערט.

דעם שטאַרקנס געפאַנצערטער טראָט
אין ברויזיקן, רוישיקן דראַנג,
פאַרשטיקט ווערט אין מיל-שטיינער מויל,
און דאָרט איז דער סוף פון זיין גאַנג.

די שטיינער זיך דרייען פאַמעלעך.
נאָר שאַרף זיינען שטיינערנע ציין.
עס ווערט דאָרט אויף שטויבן צעמאָלן
פון עבר דער גאַנצער געביין.

נאָר איין זאַך קאָן מיל ניט צעשטויבן:
די וויזיעס פון מענטשלעכן זיין —
באַגאָלדיקט מיט שיין פון חלומות,
צו מילדערן צער און פיין.

אויף זיי האָט די צייט ניט קיין שליטה,
זיי לעבן ביז סוף פון טעג.
און פינקלען אין שימער פון טרוימען,
וואָס מענטש טראָגט מיט זיך אין זיין וועג.

זיין בליק אין די וועלטן פון מאָרגן
מיט בענקשאַפט און האָפענונג שוועבט;
וואו הימל אין קלאָרקייט זיך לייטערט,
אין פריידלעכן חסד פאַרוועבט.

צו די מערדער־באַפרייער

מיט פעלקער־האַס, מיט פעלקער־מאָרד,
מיט פעלקער־בראַך, מיט פעלקער־ווײ —
געצייכנט האָט, איר יעדן טראָט,
די דייטשע, נאַצישע אַרמײ.

ביז פרישער טאָג האָט אויפגעלויכטן;
געבליט האָט האָפענונג אין האַרצן;
עס וועט מאַידאַנעק׳ס גופים־רויך —
שוין קיינמאָל הימלען ניט פאַרשוואַרצן.

אָ, ווער זשע שליסט דאָס אויף די טירן
די נאַצי־חיה פריי צו לאָזן,
און גייט מיט איר נאָך ווי אַ שותף
אַ נייעם וועלט־פייער צעבלאָזן?

אָ, ווער זשע זוכט עס אויפצואוועקן
צום נאַצי־מערדער אַ רחמנות?
מיט גרינגן האַרץ ער בעט פאַרגעסן,
אָט די פאַרפייניקטע קרבנות.

די וועלט געטרונקען האָט פון פיין
אַ פולן און צעשוימטן בעכער;
דאָס בלוט פאַרגאָסענע, עס שרייט —
צו הימלען — און נאָך העכער.

די וועלט וויל שלום, און וויל לעבן:
די וועלט וויל פרייד, און ניט — יסורים;
די וועלט ווערט נאַצים, און די שותפים —
צעברעכן אין געברויזטן שטורעם!

דאָס ליכט פון מזרח

עס ברענט
דער אָריענט,
צעהעלט מיט פלאַם
איז מענטשן־ים.
פון מזרח־ערד,
וואָס גרייפט די שווערד.

קעגן קנעכטשאַפט־שאַנד
קעמפט לאַנד נאָך לאַנד.
באַצווינגערם קראַפט
האָט מער קיין האַפט:
איז דאָ אַ צאַם
פאַר שפּאַר פון ים?

די נאַכט, די נאַכט
וואָס האָט געוואַכט
אויף דור נאָך דור
מיט חושך נאָר —
צעגייט, צעגייט
אין מאָרגן־רויט.

אין טיפן בלוט
עס ליגט דער קנוט,
עס ליגט די קייט,
די פיין און נויט —
דער פאַנצער־שטאָל
פון דעם אַמאָל . . .

באַפרייט פון שפּאַן
גייט מזרח־מאַן,
פון קייט באַפרייט,
צו נייער צייט.
דער שוואַכער איז
געוואָרן — ריז!

ער שפּרייזט פאָראויס
מיט לעבנס ברויז.
די מזרח־זון —
זי ווייסט דערפון . . .
און ליכט זיך שפּרייט
וואו ער גייט . . .

פיאַנג־יאַנג

ביז ניט לאַנג איז געווען אומבאַקאַנט —
דאָס ווייט־ווייטע, בערגיקע לאַנד,
און די שטאָט מיט דעם נאָמען־געקלאַנג —
פיאַנג־יאַנג, פיאַנג־יאַנג.

דאָס פאָלק האָט געלעבט דאָרט אין נויט;
געשמידט אין אַ קנעכטישער קייט;
געבענקט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג:
ווען קומט שוין דערלייזונג פון צוואַנג?

ביז פאָלק האָט געפונען דעם מוט
אַ שפּרייז־טאָן אין פרייהייט־מאַרשרוט;
און פאַרטריבן דעם פרעמדן באַצווינגער,
באַפרייט זיך פון שקלאַפישע רינגען.

געקומען זיך בויען אויף ס'ניי
אַ לעבן צעזיניקט ווי מאַי;
און שטאָט, האָט פאַרהילכט מיט געזאַנג —
פיאַנג־יאַנג, פיאַנג־יאַנג.

נאָר ס'האָט זיך מאַגנאַטן פון גאָלד
פאַר זיך אַ יאַר־הונדערט פאַרוואָלט!
ס'איז ענג זיי, אין לאַנד, אין געדרומען —
די וועלט צו באַהערשן — זיי טרוימען!

און דאָרט, אין דעם ווייט־ווייטן לאַנד —
צעצונדן זיי האָבן אַ בראַנד;
מיט שווערן, געפּאַנצערטן טאַנק —
גענומען דערשטיקן פיאַנג־יאַנג!

די שרעק פאַר דעם נייעם פאַרמעסט
פון רויבער אויף פרידלעכן נעסט —
פאַראייניקט האָט פעלקער צוזאַמען:
זיי וועלן דעם קרייץ־צוג פאַרצאַמען!

פאַרלאָשן די פלאַמיקע קנוילן;
פאַרטרייבן די אימה און גרוילן
וואָס אָנפאַלער האָט אין זיין דראַנג —
געשליידערט אויף בראַוון פיאַנג־יאַנג.

שטייט פאָלק דאָרט, ווי אייזערנע וואַנט
אין שוץ פון זיין פרייהייט און לאַנד;
דער מוטיקער גייסט וועט צעשטערן
דעם שונא, מיט זיינע געווערן!

אָ, העלדן־שטאָט פון פיין און רום —
ס׳קען קיינער דיך ניט מאַכן שטום!
ס׳וועט הילכן נאָך, דיין זיג־געזאַנג —
פיאַנג־יאַנג, פיאַנג־יאַנג!

אונזער יום־טוב

(צום 25־טן יובילײ פון דער פּראָגרעסיווער אידישער פראַטערנאַלער באַוועגונג אין קאַנאַדע)

מיר זיינען יום־טוב׳דיק דערהויבן אין פרייד פון גרויסן וואונדער —
עס האָט שוין אונזער טראָט צעפּערטלט אַ יאָר־הונדערט!

ווי אָפט ס׳איז שווער געווען דער גאַנג אויף לאַנגן וועג,
ווי אָפט האָט שוואַרצע נאַכט פאַרפינצטערט העלע טעג.

נאָר מיר צעהילכיקט האָבן דאָס לעבן, וואַכעדיקן, גרויען —
מיט מונטערן געזאַנג פון אונזער שטאָלצן בויען.

און ווען דער הימל האָט צעבליט זיך דאָרטן, אויבן —
מיר האָבן אים צעשטראַלט מיט אונזער זוניק גלויבן.

עס גייט דאָך ווערן וואָר אונזער שימערדיקער חלום!
ווי פריידיק וועט זיין וועלט — אין לויטערקייט פון שלום!

מיין פאַרלאַנג

איך וויל, אַז דאָס ליד מיינס,
זאָל מענטשן דערגרייכן —
ווי וואַרעמער פריינטשאַפט'ס
אַ ליבלעכער צייכן.

און לעב-לאַז איז דיכטונג
ווען האַרץ איז דערוווייטערט;
ווען ס'האָט ניט נשמה
די ווערטער געלייטערט . . .

אַז מענטש זאָל פרייען —
אָט די-אַ, באַקאַנטשאַפט;
זיי זאָלן דערפילן
צו ליד מיינס — פאַרוואַנדשאַפט.

אַ ליד קען ווי בשמים,
און זאַלבן, און איילן —
דעם ווייטיק פון מענטשן
אין האַרץ זיינס פאַרהיילן . . .

ווי ס'קומט אָן אַ בריוול —
פון דעם, וואָס איז טייער;
מען כאַפּט זיך עס לעזן —
מיט פרישקייט, מיט נייער;

מיט מונטערע לידער,
קען דיכטער דערהויבן
דעם גייסט פון דעם מענטשן,
זיין מוט, און זיין גלויבן.

מען פילט אין די שורות,
די שוואַרצע, די דינע —
ווי הערצער מיט פריינטשאַפט —
אַ נאָענטקייט שפּינען.

דערפאַר איז דער הייסטער
פון מיינע פאַרלאַנגען: —
אַ פריינטשאַפט צו וועבן,
מיט מיינע געזאַנגען.

עס זיינען, דאָך, לידער —
ניט שנירלעך קאָרעלען . . .
אויף האַלדז, אויף געטאַקטן
צו בלענדן, צו העלן . . .

זיי וועלן צו מענטשן —
מיין חלום פאַרטרויען
פון ליכטיקן לעבן,
וואָס האַלט-זיך אין בויען . . .

אויף פּעדים געצויגן,
צעהאַנגען אין ציילן —
דעם בליק צו פאַרכאַפּן,
מיט פאַרבן פאַרווײַלן . . .

און וועלן זיי טרייסטן,
אין זאָרגפולע צייטן —
מיט טעג, די צעהעלטע,
וואָס קומען פון ווייטן . . .

ס'איז ליד דאָך, פון טיפסטע
געפילן — די רעגונג;
פון האַרץ אימפּולסיוון
געבראַכט אין באַוועגונג.

אָט, שרייב איך, אַ בריוול —
צו פריינטלעכע מענטשן;
מיט גרוסן פון צייטן —
געגאַרטע, געבענטשטע . . .